STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00950

YAAKOV GLATSHTAYN

Mattes Deitch

Permanent preservation of this book was made possible by
Gloria E. Stone
in memory of
her father, Bernard Berger

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַטעס דייטש

*

יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד

מאַטעס דייטש

יאַקאָב גלאַטשטיין — דער ייִד פֿון לובלין

פֿאַרלאַג י.ל. פּרץ
ישׂראל

1963

MATTES DEITCH

JACOB GLATSTEIN—
DER JID FUN LID

I. L. Peretz Publishing House
31 Allenby str., Tel-Aviv

*

מאַטעס דייטש

יעקב גלאַטשטיין — דער ייִד פון ליד

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל 1963
Printed in Israel 1963

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

אינהאַלט

* אַן אינטימע שרייבערישע באַמערקונג.

* די קונסט ווי צו קוקן אויף ווערטער.

* יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד.

* אַ בריוו פון יעקב גלאַטשטיין.

כל זמן מיר פֿאַרמאָגן אַזאַ וואָרטואָזישן ברודער אין
דער דיכטונג, ווי יעקב גלאַטשטיין, דאַרף מען זיך
ניט זאָרגן: ווער וועט אונדז לייענען?
דאָס יידישע ליד איז ניט אַליין.

זאָל די דאָזיקע אַרבעט מיינע

„יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד", באַטראַכט ווערן ווי אַ קאָלעגיאַלער פרייד־אויסדרוק מצד מיין צושטייער צו זיין פינף און זעכציקסטן גע־בוירנטאָג.

מ. ד.

אַן אינטימע שרייבערישע באַמערקונג

דער דאָזיקער מאַנוסקריפּט: **יעקב גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד,** ליגט שוין ביי מיר זינט דעם יאָר 1947. דאָס איז אַ קימאַ־לן פון 16 יאָר! איך האָב דעם מאַנוסקריפּט ניט אָפּגעדרוקט ווי אַ גאַנצע זאַך אין ערגעץ ניט, אַחוץ אַ טייל בלויז אין אַ געקירצטער פאָרעם וואָס איז דערשינען אין צוויי נומערן פונעם חשובן זשורנאַל „דווקא״, וואָס דערשיינט אין אַרגענטינע אונטער דער רעדאַקציע פונעם באַוואוסטן פילאָסאָף און דענקער שלמה סוסקאָוויטש. די נומערן 4—5 אינעם יאָר 1950.

איך האָב אַלץ געוואַרט אויף דער געלעגנהייט ווען איך וועל זיין פינאַנציעל בכוח אַרויסגעבן אַ באַנד עסייען; נאָר דאָס האָב איך ביז איצטער ניט באַוויזן. אָבער זינט איך האָב געזען ווי די קאָלעגן אַליעזר גרינבערג און אַ. טאַבאַטשניק האָבן באַוויזן די בריהשאַפט אַרויסצוגעבן ענלעכע אַר־בעטן אין דינע ביכער — איינס: „צענטראַלע מאָטיוון אין ה. לייוויקס שאַפן״ און דאָס צווייטע: „דער מענטש אין חלום״ (וועגן מאיר שטיקער), האָב איך זיך מתקנא געווען אויף זייער קלוגן און עקאָנאָמישן אופן, וואָס עס קאָן געטאָן ווערן, ווען מע האָט ניט ביד אַרויסצוגעבן אַ דיקן בוך פון הונדערטער זייטן.

ווי זאָגט זיך: מכל מלמדי השכלתי.

דאַנק איך אייך, מיינע טייערע קאָלעגן, פאַר אויפמאַכן מיר מיינע אויגן. לאָמיר אַלע לעבן און געזונט זיין און זוכה זיין צו „מגדל זיין״ נאָך אַ סך „קינדער״ אונדזערע, ווי עס פלעגן זאָגן אונדזערע טאַטע־מאַמע, לחופה ולמעשים טובים — אָמן.

זאָלן מיר אַ סך מפונקים מוחל זיין פאַר וואָס איך מאַך עס אַזוי פאַמיליאַר, אָדער אַזוי מין „פּראָווינציאַל נוסחדיק״. פאַרקערט, איך פיל דערמיט — שרייבערישע משפחהדיקייט.

אַגב, בין איך אונטערן איינדרוק פונעם אַמעריקאַנער קריטיקער און עסייאיסט עדמאָנד ווילסאָן. אין זיין בוך A Piece of my Mind רעדט ער אַזוי אינטים משפּחהדיק וועגן זיין גאַנצן שרייבער־דור, וואָס איז געוואָרן פון אים. און ער שעמט זיך מיט גאָרניט וואָס ער דאַרף דערציילן אָדער באַמערקן וועגן זיינע קאָלעגן. טאָ זאָל עס מיר ניט פאַררעכנט ווערן פאַר אַ נוסחדיק חנדל.

לאָס אַנדזשעלעס, 1962

די קונסט ווי צו קוקן אויף ווערטער

פאַראַן אַזאַ צייט אינעם לייענערס ליטעראַרישן שותפות וואָס טראָגט גאָרניט צו בעתן לייענען אַ שריפט; ער זעט גאָרניט פון דער עשירות אינעם גרויסן ווערטער־גאָרטן מיט קאָלירן און די פילפאַרביקע פאַרבן אינעם שרייבערס לשון; ער האַלט זיך בלויז אין יאָגן איבערן טראַקט פון דער שריפט מיט דער איין און איינציקער כוונה: גיכער דערלויפן צום סוף פון דער מעשה; אויף די ווערטער גופא קוקט ער זיך גאָרניט אום; ביי אים זענען זיי ניט מער ווי שפּאַלן אונטער די רעלסן אויף וועלכע די באַן יאָגט זיך פון פונקט צו פונקט. בפרט, ווער שמועסט נאָך ווען עס האַנדלט זיך בנוגע דעם איינציקסטן אינדיווידועל־אויסגעקליבענעם וואָרט, דאָס וואָרט מיט כאַראַקטער, וואָס איז לכתחילה אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ אויסשליסלעכן אופן, כדי סע זאָל זיך בכיוון ניט אויסמישן מיט דער גרויסער מאַסע צוגעווינטע, איינגעבירגערטע רעדנסווערטער און שריפט־ווערטער; אָט דאָס דאָזיקע וואָרט היפּערט ער בכלל איבער קונציק: עס לעבט גאָרניט פאַר זיין אויג אינעם קיום פונעם אַלגעמיין, איינגעלעבטן צי איינגערעדטן ווערטער־פאָלק.

אַ סך לייענער זענען אַזוי פאַרמעשהוועט געוואָרן, אַז ביי זיי עק־זיסטירן בכלל ניט די ווערטער, נאָר הויפּטזעכלעך די מעשה. נאָר היות ווי ווערטער מוזן דאָך סוף כל סוף זיין ווי דער אוממיטלבאַרער אויסוועג אויף צו דערציילן די מעשה — אָן זייערע פּלייצעס וואָלט דאָך אַוודאי ניט מסוגל געווען קיין שריפטשטעלעריי אינגאַנצן ניט — דולדעט ער די מינימאַלסטע צאָל ווערטער, נאָר ניט מער, אַפילו ז״י נעמט ער אָן ווי אַ גורל־זאַך, בעת דאָס גאָר אויסדערווײלטע, בכיוונדיק־אָפּגעקליבן וואָרט איז אים לחלוטין איבעריק בשעתן לייענען; נאָכמער: ס'איז אים

אַבסאָלוט אַ שטער אין זיין לויפנדיקן וועג פון יאָגן זיך צום ציל וואָס גיכער, און דער עיקר — גרינגער צוצוקומען צום קלימאַקס מיט הנאה, וואָס עס שטייט אים פאַר ביים סאַמע סוף פון דער מעשה... געוויס נעמט ער אָן די הנחה אַז דאָס וואָס ער לייענט מוז, על כל פנים, שעפּן יניקה פון אַ געוויסער צאָל ווערטער באין ברירה.

נאָר ווי דער פאַקט איז ווי ער איז, גילט דאָס פאָלקסווערטל:

איבער די ביימער זעט מען ניט דעם וואַלד.

איבער דעם סיפּור המעשה, דעם אינהאַלט, זעט ער ניט דאָס איינצל־וואָרט. ער פאַרזעט דאָס אויסגעקליבענע, פאַרעקשנטע מיט כאַראַקטער — וואָרט.

ס'איז אַ ספּעציעלע קונסט ווי אַזוי צו קוקן אויף ווערטער.

דער אופן ווי צו קוקן אויפן וואָרט איז, דער עיקר, וויכטיק אין דער וואָרט־קונסט; שרייבן פאָדערט אַ ספּעציעלע מדרגה פון ספּעציפיש אויפמערקזאַמקייט ווי זיך דווקא רעכענען בלויז מיטן כאַראַקטער און ניואַנס פון די איינצלדיקע ווערטער, ווייל נאָר צוליב זיי ווערט פאַרהאַלטן דאָס גרינגע לויפן פונעם געשריבענעם לשון סע זאָל ניט יאָגן ווי אַ באַרג־אַראָפּ וואַסער־פאַל.

ס'איז פאַראַן דאָ אַ סדרדיקער ציל דערביי.

צו דערזען דאָס איינציק־וואָרט בשעתן לייענען, קומט נאָר מיט דער דערוואַקסנקייט, דערפאַרנקייט. ווען מען איז יונג, יאָגט מען זיך אינעם לעבן מיטן גאַנצן אייגענעם לעבן; מע ציילט ניט די שפּאַן; אָפּגערעט די טריט — מע לויפט! אויף דער עלטער, זעט איר, ווערט מען קמצניש; מע פאַרהאַמעוועט דאָס לויפן, און שטאַרק שפּאַנען, שפּאַנט מען שוין אויך ניט מיט אַזאַ פאַרמאָסטענער פסיעה־גסה; אדרבה, מע ציילט גאָר די טריט! מע איז מקפּיד אויפן טראָט; אַפילו דאָס דריבנע גענגעלע פאַרהאַלט מען אויך אַ ביסעלע; הכלל, מע לייגט מער פאַרזיכט אויפן איינצלנעם טראָט...

מיט אַלצדינג אַזוי. סיי מיט לייענען און סיי מיט שרייבן.

אין דער יוגנט לייענט מען מיט מער אימפעט און אַזוי איז עס אויך מיט שרייבן; מע איילט זיך אָנצויאָגן, אַריינכאַפּן וואָס מער שטח, אויב מעגלעך, דעם גאַנצן אַרום אַריינכאַפּן מיט זיינע פליינען און וויסטעס; אַלע קלאַנגען און עכאָס; אַלע פּייזאַזשן און קאָלירן; דעריבער — לויפט מען מיט אויג און געדאַנק! ס׳איז הוילע טעמפּאָ! ווען מע ווערט עלטער הייבט מען אָן צו ציילן די ווערטער; מע ווערט אַ גרויסער איבערקלייבער פון וואָרט; די גאַנצע מוזיקאַלישע וויבראַציע איז אַ דאַנק געוויסע איינצל־ווערטער וואָס רופן אַרויס דעם קאָנטראַסט; אַ סך מאָל דרייט מען זיך אין קאָנוווּלסיעס ביז מע פועלט ביי זיך אַוועקצושטעלן אַ געוויס וואָרט; עס מוז טאַקע זיין נאָר אָט־דאָס־אָ וואָרט, קיין אַנדערס ניט. היינט וויפל מאָל באַטראַכט מען עס; באַשמעקט מען עס; דער עיקר — מע באַקוקט עס דורך און דורך.

מיט לייענען איז אויך אַזוי, לכל הפּחות דאַרף עס זיין אַזוי; מיט לערנען איז אַלע מאָל אַזוי דער פאַל — קוקן אויפן וואָרט אַזוי לאַנג, ביז מע געדענקט זיין יעדן אות ווי די אייגענע נעגל; זיך שטעלן אויפן וואָרט, זיך שווערן אויפן וואָרט, צי קענען דאָס געדרוקטע וואָרט אויסנווייניק, איז אַמאָליקע צייטן ביי יידן געווען גאָר אַ גרויס חריפות; היינטיקן טאָג איז אַ חריפות אַז אַ ייד קאָן קענען דאָס וואָרט כאָטש אינעווייניק...

אַ לייענער, וואָס דערגרייכט די מדרגה פון צו זען דאָס געשטאַלט פון וואָרט, און ווער שמועסט נאָך, וואָס קוקט דערויף מיטן נייטיקן קוק לאַנג גענוג, איז בפירוש דער אידעאַלער לייענער, אַ לערנער־לייענער.

אָט אַזאַ האָבן מיר, יידן, אַלע מאָל געהאַט.

היינט צו טאָג איז ער אַ זעלטנקייט און עס בענקט זיך נאָך אים.

וואָרעם פאַרגעסן טאָר מען ניט אַז חיות זעען דאָך אויך; אַפילו דער דומם זעט און רעפלעקטירט זיין זען. יעדער אָביעקט זעט זיך אין זיין אייגענעם זען און רעפלעקטירט זיין זעעוודיקס. דער טייך, די קרעניצע, דער טראָפּן טוי און דאָס שטיקעלע בורשטין — זעען, אָבער קוקן, בפועל ממש, קוקן אויף זאַכן מיט דעם עכטן קוק, קוקט בלויז דער מענטש, בפרט

אַט דער־אָ וואָס איז מחדש, וואָס שאַפט־איבער — דער קינסטלער, דער בורא אשר ברא את הדבר. און ממילא אויך אַט דער וואָס האָט כאַטש אַ נייגונג פאַר קינסטלערישקייט, וואָס איז אַ ביסעלע באַקאַנט מיט די טענדענצן אירע, ווייסט אַז אַזוי־אָ איז איר דרך און איר מאָדוס.

אַ שרייבער וואָס שרייבט בלויז ווי מע רעדט ביי יידן און ניט ווי די מייסטערס, די וואָרטקינסטלערס שרייבן, איז לגמרי ניט קיין שרייבער און אַוודאי איז אַזאַ איינער גאָר ווייט פון צו זיין דער קינסטלער.

איינער קאָן קענען דערציילן אַ שיינע מעשה, שילדערן, באַשרייבן געגנטן אַפילו און טרעפלעך, און דאָך זאָל זיין שרייבן זיין היפש ווייט פון דער הויכער מדרגה און קוואַליטעט פון וואָרטקונסט.

דאָס איז אַזוי אמתדיק, ווי דער פאַקט אַז מען קען זיך אויסלערנען ווי צו שפּילן אויף אַן אינסטרומענט און פאָרט ניט זיין קיין ווירטואָז; צי איינער קאָן זיך אויסלערנען ווי צו מאָלן און אַלץ ניט זיין קיין אַרטיסט.

מיט שרייבן אויך אַזוי.

ס׳איז ניט דאָס דערציילן, דאָס שילדערן, דאָס מאָלן און קנעטן אָביעקטן צי אפילו מענטשישע פיגורן; נאָר די מוזיק פון וואָרט־עפעקט, אַזוי איז מיט וויברירנדיקע שטריכן, קאָלירפולע פלעקן און די אָטעמדיקע ליניע וואָס קריכט צו ליכט און שאָטן; דער מעטאַפאָר, דער אידיאָם און די שורותדיקע צעפּלאָנטערטקייט זענען די עיקרים־עלעמענטן וואָס באַשאַפן דאָס קונסטווערק אין דער געשטאַלטונג פון זייער אייגנאַרטיקן צלם־אַרויס וואָס באַלעבט דעם קרייז, די סביבה פון זייער געגעבענעם שטח און פּערספּעקטיוו; דער קינסטלער צעוויגט בלויז זייער אינערציע און די באַוועגונג זייערע איז שוין ממילא כולל די אַטמאָספער פונעם פאַרטראַכטן קיום וואָס דער יחיד, דער קינסטלער, האָט בדעה געהאַט מיט זיין טראַכטן, מיט זיין וויזיע און — אַלערלעצט — די דערגרייכטע האַרמאָניע האָט אַקומולירט: שטימונג, אידעע, סימעטריע — דעם אימאַזש פון לעבן־און טויט־באַוווסטזיין...

אַט פאַרוואָס דער קינסטלער דאַרף האָבן זיין אייגנאַרטיק וואָרט,

מוז (ווי אַ חוק), באַשאַפן זיין אייגענע וואָרט קאָאָרדינאַציע וואָס אינעם לעצטן סך־הכל מיינט עס: אייגנאַרטיקער סטיל.

דעריבער דאַרף דער לייענער אויך אין זיין שותפות אַריינלייגן גוטע זעעוודיקייט, מחמת נאָר דורך דעם מאָדוס איז ער ביכולת פאַקן דאָס אויסגעקליבענע וואָרט, זיך גוט איינקוקן אין דעם און קודם כל דאָס ניט אַוועקמאַכן אין גרינגשעצונג, נאָר אַדרבה, דאָס אויספאָרשן, דאָס פאַר־שטיין און זיין ריכטיקן טייטש דערגרונטיקן.

ווערטער באַשאַפן געדאַנק; געדאַנק — גיט דעם וואָרט אויף צוריק — נשמה...

דאָס דאָזיקע דערגרייכן פאָדערט — זיך גוט איינצוהערן צום גערייד פון וואָרט; אַמאָל שרייט עס און ווערט ניט דערהערט; פאַרקערט: אַמאָל שעפּטשעט עס, עס פליסטערט קוים און מע דערהערט — עס רעדט...

אַזוי איז די קונסט, ווי צו קוקן אויף ווערטער.

ס׳איז געזאָגט געוואָרן אינעם סאַמע בראשית: יהי אור!

פריער איז געקומען וואָרט; אונטערגעשטעלט די וואָרטאָוונגע פּלייצע.

צו אילוסטרירן מיינע אויבנגעבראַכטע טעזיסן וועל איך נעמען מיין טאַטנס כאַראַקטעריסטישן אופן ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויפן געשטאַלט — וואָרט.

מיין טאַטע, אַ ייד אַ זקן (ספּיריטוס נייַנציקוס...) געווען אַלע זיינע יאָרן (אַ סופער־לערנער) אַ ספר־נאַשער, וואָלט איך געזאָגט; אויב ער איז נאָר ניט געווען אַ שלאָפנדיקער, האָט ער עפּעס „געקייעט" פון אַ ספר, און אַרום דעם ספר זענען געלעגן נאָך ספרים וואָס ער האָט גענוצט אין דער זעלבער צייט; ער האָט קיין מאָל ניט געלערנט פון איין ספר, נאָר פון אַ סך ספרים אַרויסגעטויכט מיט פילע פּערל... ווען איך קום צו אים אויף באַזוך טרעף איך אים נאָך אַלץ אין דער זעלבער אַלטער פּאָזע; פרעג איך אים אַ ביסעלע אין שפּאַס (ער איז אַ גרויסער הלצהניק): טאַטע, האַלטסט נאָך אַלץ אין איין לערנען, אַ? גייסט נאָך אַלץ אין חדר!

„עט״! — גיט ער אַ מאַך מיט אַ האַנט. — „אויך מיר געלערנט. מיין חלק האָב איך שוין לאַנג אָפּגעלערנט און פאַר אַלע זין מיינע אַפילו; איך בין שוין פּטור פון לערנען; גאָר גאָרניט, די טבע ציט אַריינצוקוקן אין אַ ספר, טאַקע ניט מער ווי קוקן. יאָ, דו הערסט, מאַטעס, דער עיקר קוקן מיי־נער, איז אויף די ווערטער. ביסט דאָך אַ שרייבער, טאָ הער, סע׳ט דיר צו נוץ קומען. סע זענען דאָ ווערטער מיט יידן (יודן) און ווערטער — אָן יידן. איז מילאָ, די ווערטער אָן יידן זענען געוויס גוטע ווערטער, אָבער אָט־די מיט די יידן, זעסטו, האָבן גאָר אַן אַנדערן טעם״...

וואָס הייסט, טאַטע, פרעג איך אים און וויס אַז עפּעס חידושדיקס וועט ער מיר אַנטפּלעקן; אָבער איך האַלט זיך ביי מיינעם, סטייטש?!

צעהיצט ער זיך, ווי זיין שטייגער איז; און אַז מיין טאַטע ווערט צעפלאַמט איבער אַ זאַך, ווערט ער בשעת מעשה ווי אַ קליינער באַרג־סיני בשעת מתן־תורה. איך דערקען דאַן מיין געירשנטע ירושה... ער קאָכט זיך, דונערט, בליצט און איז באמת פול מיט חידושים, דער עיקר אין וואָרט־קאָמבינאַציע, וואָרטטייטש און אַפילו — אות־טייטש.

„אָט גיב נאָר אַ קיק אַהער, נאָ זע:

קידוש, קדיש און קדוש.

ביים קידוש איז דאָס יידעלע באַלד ביים אָנהייב, ביים קדיש — צום סוף און באַ קדוש איז ער שוין אינגאַנצן ניטאָ; אוודאי אין גן עדן... צי אָט, נעם גאָר, אַ שטייגער, די דאָזיקע ווערטער: מים, חיים, אַלץ ווערטער מיט יידן״.

טאַטע, — שלאָג איך אים איבער און וויל אים עפּעס פרעגן. נאָר ער האָט זיך שוין פאַרטראַכט ווי אַ ייִנגעלע אויף פייגעלעך... נוץ איך אויס די געלעגנהייט: טאַטע, צו וואָס איז אין מים דאָ איין ייד און אין חיים — צוויי?

„הערסט אַ שאלה?! וואָסער מאַכט ניט אויס אַז אַ ייד טרינקט אַליין און מאַכט אַ ברכה שהכל, אָבער משקה?! דאַרף מען דאָך טרינקען לחיים, איז ווי קאָן אַ ייד טרינקען לחיים צו זיך אַליין? סע מוז זיין צוויי יידן...

אָט זעסטו באַ שׁ י ר י י ם זענען שוין דאָ ד ר י י יידן, מחמת סע איז אַלע מאָל דער דריטער ייד וואָס כאַפּט״...

יאָ, טאַטע, ביסט טאַקע זייער גערעכט, אָבער ווי קומט עס וואָס דווקאָ דאָס הייליקע וואָרט ת ו ר ה איז אָן איין ייד?

„טאָסטע דיר! ווער ווייסט עס ניט אַז די תורה איז נאָר פאַר יידן?!״

דאָס גאָר, האָב איך אים ניט געוואָלט צוגעבן, בלייבט אַ שקלאָ־וטריאָ... און אָט דאָ ערשט האָט מיין טאַטע זיך שטאַרק פאַרפּילפּולט און אויסגעשריען פול מיט אַ זיכערן נצחון:

„הער מיך אויסעט, און טאַקע מיט קאָפּ!

אונדזערע תלמידי חכמים, נביאים, סופרים, אמוראים, תנאים, העט, העט, ביז משה רבינו, האָבן דאָך פאָרויס געוווּסט אַז די יידן וועלן האָבן גענוג צרות אויסצושטיין פון די פעלקער, הלמאי ג״ט ברוך הוא האָט געגעבן די תורה נאָר צו די יידן, האָבן זיי טאַקע לכתחילה ניט אַריינגע־שטעלט קיין ייד אינעם וואָרט ת ו ר ה. נאַט זעט, איר פעלקער פון דער וועלט, די תורה איז געגעבן געוואָרן פאַר אַלע מענטשן גלייך, אָן אונטער־שייד; אָט דאָס איז דער רמז וואָס דווקאָ אין דעם סאַמע וואָרט ת ו ר ה געפינט זיך ניט קיין איין י י ד, מע האָט בכיוון אויסגעלאָזט די יידן״...

און דאָ האָט מיין טאַטע אַזש אונטערגעטענצלט און אַזוי־אַרום מיר באַוויזן זיין נתעלהדיקן ניצחון מיט אַזאַ ליכטיקער פרייד און פּאָזיטיוון באַוויז, אַז איך אַליין בין שוין אויך צעוואַרעמט געוואָרן און גענומען טרינקען איין קעלישעק נאָכן צווייטן פון די פילע ווערטער־ווייבען וואָס מיין טאַטע האָט מיר אָנגעגאָסן און פון צו־פיל־טרינקען פון זיין ווערטערדיקער משקה בין איך, ווי ער — באמת פאַרשנאָשקעט געוואָרן ביז עט, גאָר־גאָר און נאָכמער!

„אַדרבה, קוק זיך נאָר גיט צי צי די דאָזיקע ווערטער אַזוי ווי אַ שרייבער דאַרף קיקן און וועסט פאַרשטיין פאַרוואָס זיי זענען צוזאַמען מיט יידן, און האָט עס דען אַנדערש געקענט זיין? די בעסטע זאַך איז, לאָמיר לערנען:

אָמר אַביי... אַט האָסטו דיר! שוין תיכף ביים אָנהייב, איז אַ ב י י געטאָפּלט מיט יידן; נו, וואָס זאָגסטו דערויף, אַ?!"

יאָ, טאַטע, האָב איך אויסגעשטרעקט די הענט צו אים ווי איך וואָלט געוועזן אַ קוואַטער וואָס נעמט איבער דאָס קינד אויף צו צוטראָגן צום סנדק, ביסט גערעכט; די ווערטער דיינע האָבן געמוזט זיין פול מיט יידן, ווייל זיי זענען ניט בלויז ווערטער, נאָר נעמען פון גרויסע שעפערישע יידן, פאָלקס־גייסטער וואָס האָבן געבויט דאָס יידנטום; זיי האָבן עס געשטאַלטיקט, געמאַכט פאַר אַ גאַנץ פאָלק; מע מוז זיך צו זייערע ווערטער גוט צוקוקן; ניט ווי צו בלויזע ווערטער, נאָר ווי צו חוקים! פון זיי האָבן מיר בפירוש געלערנט אַז צום וואָרט מוז מען זיך גוט איינקוקן; סע האָט אין זיך פאַרבאָרגענע כוחות; עס טראָגט אין זיך די נסתרות פון קץ, וואָס ווען איינער זאָל עס נאָר קענען צעשפּאַלטן דאָס פאַרבאָרגענע וואָרט, ווי די צעשפּליטערקייט פונעם אַטאָם, וואָלט עס אויפגעריסן דעם אוניווערס!

עס רייסט טאַקע סיי ווי אויף נשמהדיקע וועלטן...

אַזוי האָב איך געטראַכט:

ס'איז שוין די העכסטע צייט אַז אויך דער יידישער לייענער זאָל אין זיין ליטעראַרישן שותפות תופס זיין אַז דאָס איז חל אויף דער יידישער ליטעראַטור; די ליטעראַטור וואָס איז אין איר עצם תוך דער המשך פונעם קרעאַטיוון תמצית — דאָס ירושהדיק טראַדיציאָנעלע וואָרט — יידיש־קודש! הקיצור!

דער ענין — ווי צו קוקן אויפן וואָרט — איז סוף־כל־סוף דער בולטער אַקסיאָם וואָס פירט צו די אייביקע קוואַלן פון פאָלקלאָר; דער עיקרשט — דיכטערישער.

ס'איז אַלע מאָל גוט צו געדענקען: דאָס וואָרט איז ניט געשאַפן געוואָרן ווי אַ מיליטערישער מאַרש — גיין מושטירט ווי חיילות... עס גייט אויפן פאַפּירענעם בריק — פון דור צו דור — פאַרשיידן.

ס'איז אַ קונסט, ווי צו קוקן אויפן וואָרט.

יעקב גלאַטשטיין - דער ייִד פון ליד

יעקב גלאַטשטיין איז אַ פּאָעט וואָס לעבט ניט אויף קיין אַנטליענע אידעען און ניט אויף קיין געבאָרגטער שפּראַך. ער איז אידעיִש און שפּראַכ־לעך אייגנאַרטיק און שעפעריש, ער איז גיבער און גבור, וואָרעם אויב ער נעמט אַמאָל אַ מאָטיוו ביים פאָלק, איז ער אים כמעט ווי מחדש; ער באַנייט אים און באַצאָלט דעם פאָלק דערפאַר כפל כפליים; אַזוי אַז ער איז מער גיבער ווי נעמער; און אַ גבור, ווייל ער ראַנגלט זיך כסדר מיטן וואָרט, געדאַנק, מיט ערד־און־הימל וואָס מענטשן רופן אָן קאָסמישע אידעע — גאָט.

ער איז סטריקטנע גאָלע יידישער נוסח; עס רעדן דורך אים און דענקען אַרויס פון אים די פיל אָפּגעגאַנגענע דורות וואָס טליען אינעם אַלט־יידישן לשון; דורות וואָס זענען געהייליקט אינעם ראָמאַנטיש־העראָיִשן שלאָף פון כמה יאָרהונדערטער. און י. ג. וועקט זיי אויף, באַלעבט זיי ווי אַ מכשף; צי, להבדיל, ווי יחזקאל; ער שמעלצט זיך צוזאַמען אין איין פאָלקס־בריק — ש ט ר אַ ל נ ד י ק ע י י ד ן א ו ן ש ט ר אַ ל נ ד י ק י י ד י ש ל ש ו ן. און ער באַשאַפט אפילו אַ מין יידישלעכן ספּעציעלן געקלימפּער בעת ער טוט זיין אייגנשאַפטלעכע עבודה מיט גרויס התמדה. ממש ווי אַן אויסדערוויילטער שטייט ער פאַרן יידישן געדאַנק־און־וואָרט און טוט די דינסט פאַרן יידישן לשון מיט דער גרעסטער כוונה; אַ נאַציאָנאַל־קינסט־לערישע כוונה.

ער איז דער ייד פון ליד וואָס זינגט פון דער בלאָטע אַרויס, ווי זיין שטיינמאַן (ווען יאַש איז געפאָרן), צי אויף דער לאַנקע, ווי זיין יאָסל לאָקש, ווען ער דערזעט די באַגרינטע ערדישע דעסענעס, זינגט וויינענדיק, און דורך זיין רב נחמן בראַצלאַווער זינגט ער, און דורך זיין אייגענעם נפש זינגט ער דאָס יידישע פייערלעך־הערלעך ליד, ווייל ער איז דער ייד פון ליד.

טאַבאַטשניק האָט אין זיין מאָנאָגראַפיע וועגן זישאָ לאַנדוי אַרויס־געבראַכט דעם געדאַנק אַז לאַנדוי איז „דער מאַן פון ליד” און ער באַטיטלט דאָס בוך מיטן דאָזיקן נאָמען; כאָטש ווער ווייסט עס ניט אַז לאַנדוי איז געווען אַ גרויסער קאָקעט וואָס האָט זיך געהנדלט מיט זיין ליד און נאָכמער, זיך געבערעקלט מיט זיינע שטימונגען ניט בלויז ווי אַ פּאָעט, נאָר טאָקע מיט דער גאַנצער פעמיניסטישער קאָקעטישקייט?

אָבער אָט־אַזאָ מאַן איז ער פאָרט געווען פון ליד לויט טאַבאַטשניקס היפּאָטעזע, און ס'איז ווערט צו האַלטן פון אָט אַ דער השערה; בכלל איז אָנגענומען אַז יצירה פאַרקערפּערט אין זיך די אייגנשאַפטן פוןביידע גע־שלעכטן — די טאַטע־מאַמע אייגנשאַפט. אַממיינסטן איז עס בולט צווישן רביימשע געשטאַלטן: דער ווילנער גאון און דער בעש”ט; דער קאָצקער איז געווען גאָלע זכר, כולו שטרענגער טאַטע, אָבער דער באַרדיטשעווער איז געווען אָנגעלאָדן מיט טאַטע־מאַמע געפילן. און אָט אַזוי איז עס אויך געווען צווישן די נביאים: ישעיה איז געווען דער מאַן־נביא און ירמיה — דער ווייבלעכער. און אפילו צווישן די געטער איז צו מערקן אָט דעם טריב: פּאַראַנען גאָלע ווייבלעכע, ווי דער אותו יונגער־מאַן פון נצרת, פון וועמען עס רינט ניין צעבער מיט טרערן און ניין זעק מיט פאַרבלוטיקטער, צעקאַליע־טשעטער גוטסקייט. צעאָס, איז כולו מאַנסבילשער גאָט; אונדזער גאָט פון אַברהם, יצחק און יעקב איז, ווי אַ מאָל... אָט איז ער דער אל נוקם ונוטר און אָט דער אל רחום וחנון; צי דער אל צבאות; דער אַדושם ירגזון המים; און אָט: דער אל ארך אַפּים; דער אַדושם רופא חולה; דער אלהים רב חסד. ביי די שעפערישע געשטאַלטן איז דאָס נעמלעכע.

אונדזערע קלאַסיקער האָבן פאַרמאָגט דעם זעלבן טריב: מענדעלע איז אין זיין סאַטירע געווען גאָלע מאַנצביל אָבער אין זיין באַשרייבן אַ שטיי־קעלע פּייזאַזש, איז ער דווקאָ דאָ שוין געווען דער ווייבלעכער מאָלער פון דינע, ווייכע, זינגעוודיקע שטריכן און קאָלירן פון גאָלע סענטימענטאַלקייט. די נאַטור פלעגט דעם זיידן אַזוי צענעמען, אַז ער האָט פאַרגעסן אין דער סאַטירע און זיך צעשפּילט אויף דער לירע פון אַ קטף; אויף דער נאַטורס

שויס פלעגט דער סאַטיריקער טרייבן קאַטאָוועס ווי אַ ייִנגל. אַט אַזוי איז געוועזן שלום עליכם און אויך פּרץ. זייער שאַפן האָט אין זיך דעם קערן פוןביידע געשלעכטן — דאָס ווייבלעכע און דאָס מענלעכע וואָס פאַרקערפּערן אין זיך דעם סינטעז: טאַטע־מאַמע־געפּיל.

וואָס איך וויל אַרויסברענגען איז, אַז אין שעפערישקייט הערשט דער זעלבער פּראָצעס וואָס אין דער נאַטור, ס׳מוז הערשן די טבע פון ביידע געשלעכטן ביי איר, אַזיסט קען גאָר ניט געמאָלט זיין קיין געבערן. די קוואָטשקע מוז האָבן אַט דעם־אָ שטומען געדולד פון אויסזיצן ביז עס לופּען זיך אויס די הינדעלעך פון די אייער, און דער קינסטלער דאָס נעמ־לעכע — ער מוז האָבן דעם ארך אַפּים פון טאַטע־מאַמע, ווייל נאָר אָט דאָס דערמעגלעכט באַשאַף.

שלום אַש איז דער בולטסטער באַווייז. ער איז טאַטע־מאַמעש. בפרט אין די גאָר לעצטע יאָרן איז ער מער יחיאל ווי מענדעלע קאָצקער. ער איז פול מיט טאַטע־מאַמע געפילן, ספּעציעל אין אָט די ווערק וווּ ער איז פול מיט זיין יידיש־קריסטלעכער אויפפאַסונג פון מעשים און אידעען; ער איז סענטימענטאַל ווי אַ פרוי וואָס איז אויף איר צייט און ריכט זיך היינט־מאָרגן צום געבערן; ער איז שטענדיק מיט צעעפנטע טראַכטן.

יעקב גלאַטשטיין איז ברודעריש. דער טאַטע־מאַמע געפיל איז ביי אים אויף זיין שפּיץ פעדער, כמעט ווי ביי מענדעלען, דעריבער טוען זיינע עלעגישע יידישע רייד, ביים סאַמע שוועל אַ ווו דער חלף שעכט, פליען איינגעשפּאַנט ווי אין אַן עקיפּאַזש און זיך יאָגן לייכט נאָר אַרויפצו; אַוועק פון די פאַרשטויבטע מיט טאַנקען פאַרבלוטיקטע וועגן; זיך טראָגן אַליץ ווייטער און העכער ביז:

„דעם צעצווייגטן קאָפּ, די פרומע אויגן,
דאָס ציטערדיקע מויל פון אַ קליין יידיש קינד
וועל איך איינוווּנדערן
אין אַזאַ פאַרכטיק מעשהלע.

כ'וועל פאַר אים אויסשטערנען אַ יידישן הימל...
און אים זאָגן אַזוי:
ס'יידישע פאָלק איז אַ פייערדיקע זון
פון אָנהייב ביז אָנהייב, ביז אָנהייב".

און ווי אַן עלטערער ברודער גיט ער אים צו פאַרשטיין דעם זין פון דער מיאוסער, זינלאָזער און בלוטיקער וועלט:

„לערן זשע יינגעלע, טייער יידיש יינגעלע,
פון אָנהייב ביז אָנהייב, ביז אָנהייב".

און גלאַטשטיין מיט זיין גאַנצער נאָמענקלאַטור פון דער פּאָעמע „נישט די מתים לויבן גאָט" האָט דאָ קנאַפּ וואָס הלליהדיקס פונעם עקזאַל־טירטן תהילים און אַוודאי און דעריבער זייער ווינציק פונעם טאַטע־מאַמע געפיל; נאָר ווי אַ ברודער אַ סאָלדאַט, וואָס איז אַליין אפשר גאָר קיין גרויסער העלד ניט געווען, נאָר ער האָט פאָרט דורכגעמאַכט בלוטיקע שלאַכטן, דערציילט ער און מאָלט ווי אַ (קאַלטער) שלאַכטמאַן דעם פלאַמיקן תוהו־ובוהו־גרויל פון אַ צעפלאַצטער ערד וואָס צעקרישלט זיך און צעפאַלט אינעם ימיקן שפּרונג־און־וואָרף מיט שריפות.

און י. ג. נעמט ביי דער שייך פון אָט די וווּלקאַנישע קאַטאַקליזמען דערציילן אַ יידיש מעשהלע פאַר אַ יידיש יינגעלע — דערציילן, און דער־ציילן טאַקע פון אָנהייב, ביז אָנהייב און אָנהייב:

„אַלע געשטאָרבענע יידן, פון עלטער־זיידן אברהם אָן,
זענען געווען אין לובלין ביים גרויסן חורבן,
אַלע וואָס זענען ביים באַרג סיני געשטאַנען
און מקבל געווען די תורה
האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיתות".

און אָט אַזוי מאָלט ער די גרויסע פּאַנאָראַמע פון דער יסורימדיקער פּראָ־צעסיע וואָס איז פול געווען מיט די פאָלקסגעשטאַלטן און זיינען פאַר־

וואַנדלט געוואָרן אין גאַלע הייליק־נאַציאָנאַלן מיטאָס ביים פאָלק ישראל און געהאָלפן גרינגער מאַכן די טויטלעכע ווייטיקן און פאַרטריבן־געמאַכט דעם פחד ביים קינד און מאַמע, ביים זיידן און ביי דער באָבע; ביים טאַטן, ביים פעטער און מומע; ביים ייִנגעלע און מיידעלע — ביי אַלעמען: און אָט אַזוי הערלאַזיש־קדושדיק:

„זענען מיטגעשטאָרבן הונדערטער נשמות
פון טייערע געשטאָרבענע יידן".

און דער ברודער יעקב דערמאָנט דעם ייִנגעלע, דעם יידישן, וואָס איז ניט ווי דער סימבאָלישער „אומבאַוווסטער סאָלדאַט" וואָס מ'ווייסט ניט זיין נאָמען, נאָר ער, דאָס יידישע ייִנגעלע הייסט — יידיש ייִנגעלע. ער הייסט אַ מאַסן־נאָמען, אַ פאָלקס־נאָמען — יידיש ייִנגעלע!

„און דו, געשמאַק יידיש ייִנגעלע, ביסט דאָרטן אויך געווען,
דו, אָנגעצייכנטער אויף דעם אויסגעשטערנטן הימל,
ביסט דאָרט אויך געווען און געשטאָרבן.
זיס ווי אַ טויב האָסטו געשטרעקט דיין האַלדז".

און דער ברודער, דער פאַרגליווערטער שלאַכטמאַן זאָגט אַפילו ניט ווי אַ פשוטער, לייבלעכער ברודער וואָלט געזאָגט מיט טאַטע צי מאַמע גע־פיל — העלדזעלע, נאָר קאַלט ווי אַ (שלאַכטמאַן) זאָגט ער: דאָס יידישע ייִנגעלע מיט דיין האַלדז.

„און געזונגען מיט די אָבות און די אמהות,
פון אָנהייב ביז אָנהייב, ביז אָנהייב".

און דער ברודער גלאַטשטיין פאַרענדיקט דאָס שוידער־מעשהלע פון דער פאָלקס־אויסשלאַכטונג:

„און איבער די גאַז־קאַמערן,
און הייליקע געשטאָרבענע נשמות,
האָט זיך געדוויכערט אַן איינזאַמער, אַ פאַרלאָשענער סיני".

און ער דערפירט צום קלימאַקסישן אויספיר, וואָס ס׳איז צו דער זעלבער צייט אויך אַ מין אייביקער אַוועקפיר אין אומענדלעכקייט אַריין:

„דאָס ביסטו דאָך געווען, די שטילע, קליינע, עלנטע
אָפּגעגעבענע תורה״.

און גלאַטשטיין האָט דאָ אַזוי ווי אַוועקגעשטעלט אַ מין קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו: אויס מיט געדאַנקען! אַ סוף צום טראַכטן! גענוג געקלערט מיט אימהדיקע קלעטערדיקע געדאַנקען־שטאַבליעס און חקירה־דיקע שאַרפע שאַבליעס...

דער מוח גופא ווערט די צאַם פון ליידיקייט, פון אויסגעהוילטקייט.

„אָן תורה, איז ניטאָ קיין געדאַנקען!
אָפּגעגעבן די תורה? ז׳אויך טראַכטן — אָפּגעגעבן!

ביי דעם געדאַנק ווערט אַלץ בלויז־און־ הויל און נאַקעט... וויסט און סומנע...

און איך ווייס ניט צי איך בין שוין פאַרשטיינערט געוואָרן, צי איך בין שוין דערבראַכט געוואָרן ווי איינער פון יענע פילע מחנות, וואָס ניט עס צעברעכט מיך און ניט עס טרייסלט מיך שוין אין היסטערישקייט. אָט אַזוי אויסגעהוילט בין איך געוואָרן פון די לעצטע פערזן. דאָס מיינט אָבער אויך ניט, חס וחלילה, אַז איך בין (אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן) גלייכגילטיק!

דאָס וואָלט געווען אַ פאַרשוועכונג צו טראַכטן אַזוי וועגן מיר.

אַדרבה. איך שטרייך בלויז אונטער אַז גלאַטשטיין דערפירט דעם סך הכל צו אַזאַ סאָרט פאַקטישקייט, דורך זיין פאַטעטישער אָביעקטיווקייט, אַז איך ווער אויך אַ ציפער פון די פילע מחנות און גיי צוזאַמען מיט זיי אַוועק אין דער יסורים־פּראָצעסיע אַ פאַרקלעמטער, אַ פאַרצערטער און אויך שוין ממילא — אַ פאַרשטיינערטער אין דער גרויסער חבלי לידה.

און דאָ איז נייטיק צו באַמערקן אַז ס׳איז די „אינזיכיסטישע״ קאָנ־

צעפּציע פון קינסטלערישער עקספּרעסיע: ניט צעיאַכמערט ווערן אין סענטימענטן פון אויפגעשטורעמטע עמאָציעס וואָס באַשאַפן אַ ווידער־געפיל צו אַן אומבאַרעכטיקטן ירגזון!

און פונקט אַזוי אָביעקטיוו איז לעיעלעס און מינקאָוו.

זיי זיינען שטאַרק אָפּגעהיט פון אָט דעם מין. זיי טוען גוט געדענקען אַז מיר זיינען אין דער וועלט פון טראַגיק די געניטסטע באַווייַנערס און די פּעניקסטע פון די ווייאיקסטע באַקלאָגערס.

און טאַקע מינקאָוו, אין זיין בוך „ביים ראַנד״, האָט אַזוי רעליעף אַנטפּלעקט אין זיינע לידער „האַרץ, ענטפער ניט״ און „הערנדיק בעט־האָוועגס פאַר עליז״ ווי דער דיכטער גיט אַ צעפּלויש זיינע עמאָציעס, נאָר עס צוימלט אים מינקאָווס אינטעלעקט; דער פּאָעט, אָט דער וואָס האָט ליב אַ מאָל אַ פליוכע טאָן מיט צו פיל טרערן פון סתּם אַ מקונן, פאַר וועלכן די אינזיכיסטן האָבן זיך געשראָקן און זיך באַוואָרנט צו זיין אין דעם פּרט זהיר וזהיר. מינקאָוו, אין זיין בוך „ביים ראַנד״ האָט מער ווי אַלע דער־גרייכט די צמצומדיקע געצאַמטע צאַמען; זיינע לידער זיינען באַשפּרענקלט מיט דעם תּמציתדיקן צימערינג:

„ס׳איז מעגלעך, מעגלעך, פון וועלכע טיפן
גיט אַ שפּאַר אַ שטראָם? אָ, גאָט, נאָר ניט היסטעריש!״

אָ, ווי וואָך דאַרף דער עכטער דיכטער זיין קעגן אָט דעם מין לויז מאַכן די קוואַלן פון אומקאָנטראָלירטע טרערן און נאָך אַ מאָל טרערן — בפּרט היסטערישע?!

נאָר אנשטאָט דער וואָסערדיקער סענטימענטאַליע פאַרגעסט זיך גלאַטשטיין — דער ייד פון ליד — מיט הייליק געזאַנג:

„אַ געזאַנג וועל איך זינגען״.

ניט — איך וויל, נאָר איך — וועל זינגען. וואָס דאָס מיינט אַז ער וועט מירצעשעם זינגען כל ימיו פון אָנהייב, ביז אָנהייב. אָט אַזוי

ווידערהאָלט זיך טאַקע זיין לייטמאָטיוו ביי אים. און דער מאָטיוו פאַרכאַפּט אַזוי האַפּטיק, פּונקט ווי מ׳וואָלט אַראָפּגעשלונגען די זיסקייט פון אַן אַריינגעכאַפּטע גאַנצע לעפל מיט האָניק אויף איין מאָל און מ׳מוז זיך מיט דעם קוויקעכץ פּאַסמאַקעווען!

ביי אונדז וואָלט מען זיך שוין געמעגט פאַרגינען און צוזאַמענשטעלן אין אַ קאָמפּלעטער זאַמלונג אַלע גלאַטשטיינס ווערטלעכדיקע זאָגן, גאַנצע און האַלבע און פערטלדיקע, און אַכטלדיקע געשווינד־חכמהדיקע וואָרט־שטוקערייען וואָס ער שטוקאַטורעוועט אויס אין פאַרשיידענע רייד־אופנים; אַפילו זיין אידיאָמאַטישע ליפּ־פּלאַפּליאַדע פון די אומשיעורלעכע שפּרוכיק שפּראַכיקע כאַפּלאַפּלעך און געדאַנקען־גראַמלעך. ער איז אַן אָנגעפּראָפּטער אַפּאָריזמענשטעלער פון אַן איין און איינציקן וועלט־זיין זון־זינעלע מיט זיין־זאָם־פאַרזיי. עס ליאַרעמען און פּילדערן ביי אים אַ שלל פון קורצלענגוויסטישע און לאַנגקלאַנגיסטישע יידיש־טייטשן וואָס באַשאַפן אַ באַזונדער פּאָעטישע אַקוסטיק.

שפּראַכלעך און געדאַנקלעך ווערט יעדער, וואָס רירט זיך נאָר צו צו אים, שעפּעריש אויפגעוואַכט, ווי פון דער אויפגייענדיקער צעשטראַלטקייט פון דער זון.

ער דענקט אין דער הויך און מיר דערהערן קלאָר אַלץ וואָס ער זאָגט; אַפילו זיין איבערפלוס וואָס ער האָט אַ סך מאָל אין זיין זאָג, איז אויך איינע פון זיינע מעלות וואָס קאָרמעווען אונדזער נייגער צו זיין דיכטערישן אופן; און סוף־כל־סוף איז אַפילו זיין ווידערהאָלונג אַ חכמהדיקע קאָלירפולקייט וואָס דעריאָגט דעם איבערפלוס אין זיין ברייטערן זאָג און פאַרצאַמעוועט און פאַרהאַמעוועט אים אַז ער זאָל ניט קריכן אַהין וווּ מ׳דאַרף ניט.

דער בראַצלאַווער זאָגט ביי אים:

„פאַרוואָס פאַרפּשטלען ווייטיק
און טובלען זיך אין צער?

זאָל דער עם־האָרץ־ווייטיק
זיין היינט מיין האַר".

און ווייטער זאָגט ער נאָך צערטלעכער:

„מיר זענען אַלע קינדער פון דער וואָכיקייט,
די שבתים זענען הייליקע לאַטעס".

און וואָס ווייטער זאָגט ער מיט אַ גראַד שענער:

„ווייל די קוגלדיקע שבתדיקע פרומקייט
שטאַמט פון ראַזעווע וואָכיקע שטומקייט.
פאַרגונ מיין נשמה און גיב מיר כוח צו לעבן,
פאַרשטאַלץ מיך ניט מיט צופיל קדושה".

און ווייטער גיט ער אַ שטייג־אַרויף צו דער העכסטער גראַד שיינקייט, ווייל ס'איז אין אָט דעם לעצטן זאָג פאַראַן קינסטלערישער אַרט דענקען — פּאָעטישע שלימות:

„אַרום אַן איינציקן בוים וועלקט אַ גאַנצער פאַרנאַכט".

אָט אַזוי טיף פאַרטראַכט ווימלט עס אין גלאַטשטיינס יעדער ליד; ס'איז דאָרט קוהלתדיק און משלידיק; עס גוייקט און יידיקט פיל מוראדיק אין אַן אַ שיעור פּחדיק — די שרעק אַליין לויערט דאָרט און וועקט אים צו דער פּאָעטישער לעבעדיקייט; און אַ נייער ווערטערשטראָם גיט ביי אים אַ פלוס אין פליסיק־פלייסיקן מוח אַריין בגנבה און ביודעים כדי אויסצוגעפינען צי ס'איז נאָך דאָ פלאַץ פאַר נייעם טראַכטן.

ס'וועט קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, אין אָט דעם מאָמענט, ווען איך זאָל דערקלערן גלאַטשטיינען פאַרן טרויעריקסטן פּאָעט. עס איז דער טרויער פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט — פון אַ בראַצלאַווער.

ס'איז די סביבה וואָס מאַכט אים טרויעריק. אָבער ער פאַרשטייט אַז אַ פּאָעט טאָר בפירוש ניט אויסגיסן זיין לעבנסטרויער אויפן פּאַפּיר

ווי מ׳גיסט אויס אַ זאַק מיט פסחדיקן באָרשטש. איז דעריבער, ווען עס גרייפט אים אָן אָט דער טרויער, ווי אַן אַרומגעכאַפּטן פון פלאַמען, דער אייגענער טרויער, טוט ער זיך אַ ווער קעגן אים נאָר דורך דעם וואָס ער גיט אַ צעלאָז זיינע ספּריטנע דיכטערישע פערדלעך, זיינע קלוגע פּסוקים־לאָשעקלעך, זיינע חכמהדיקע אָדלערלעך און פאַרשייעטע גראַמען־הירשעלעך; די איבערגעגעבענע ווערטלעכדיקע טייבעלעך וואָרקען ביי אים ליבשאַפט־ווייזהייטן אָן אַ צאָל, ניט אויף זיין אייגענעם לעבנסאומעט חלילה, נאָר אויף זיין קראַפּירנדיקן פאָלקסווייטיק, וואָס איז נעבעך געוואָרן אַ ראַסע פון אבלים, יסורים־אַרמייער; און אַז זיין אייגענער אומעט וויל אים שוין גאָר נעמען וואַרגן, לאָזט ער אים דורך ווי זונשטראַלן, ער זאָל דורכגיין דעם בראַצלאַווערס מעדיטאַציעס, ער מאַכט אים אַ געוויסנהאַפטיקן חשבון־הנפש און ער שלאָגט אים מלקות אָן אַ צאָל:

„כ׳בין אַליין ווי דו, מיין ווייב,
כ׳בין דיר געטריי,
דיין באַזונדערניש איז אַ געבענטשטער גאָרטן
אַקעגן מיין וויסטעניי.
שפּאַנסט פאַרביי, מיין ווייב,
דיינע אויגן, דיינע ליפּן מאָנען,
כ׳גיי אַליין אין פינצטערניש
און קען דיך ניט דערקאָנען.
פינצטערסט אָפּ מיט מיר דיין וועלט,
באַוויינסט דיינע יונגע יאָרן“.

און דאָ, ווי דער שטייגער גלאַטשטיינס איז, גיט ער אַ פליסטער אויף זיין האַרפישער קלוגער סאָלאָ וואָס איז ביי אים די וויינענדיקסטע שפּראַכיס־טיק זיינע, ווייל זי ווייגט אויס פאַרבאָרגענע חכמהשאַפטן. באַטראַכט דעם קומענדיקן פערז מיטן צו אָנשטאָט פון, און איר וועט דערשפּירן וויפל קלוגע אידעלע ניואַנסן ס׳איז אין אים זייער פאָרזיכטיק פאַרבאָרגן:

„כ׳דערוויטער זיך צו דיר אַלץ נענטער,
ביז איך ווער פֿאַרלאָרן.
איז דאָס שידוך, איז דאָס זיווג,
וווּ איז דאָס גליק פֿון באַמאַנען?
אַ ווינט פֿאַרטראָגט דיינע ווערטער,
נאָך איידער איך האָב זיי פֿאַרשטאַנען".

אייניקע דאַרפֿן בלויז טאָן און שווייגן; אייניקע — הערן און שווייגן; און נאָך אייניקע — טאָן, הערן און שווייגן; גלאַטשטיין דאַרף בלויז זינגען און טראַכטן און עס טוט זיך און עס הערט זיך מער ווי אַן אַנדערער וואָלט גערעדט.

אין די ציטירטע סטראָפֿן ליגט רחבותדיק צעלייגט דער עלנט פֿון מאַן־און־ווייב אינטימקייט, עס ווייעט אַרויס אַ לעבנסעלנט פֿון אָט־דעם קורצן ליד, און ס׳איז ביי מיר די גרעסטע מורא אָפּצושטעלן דעם געדאַנק אונטער דעם פּראָזשעקטאָר פֿון אַנאַליז, וואָס טראָגט הורבעסוויז פּרווידישע טייטשן. איך לאָז דעם געדאַנק לויפֿן; אפֿשר וועט ער ערגעץ דערלויפֿן און הינטערטראָגן דעם ריכטיקן פּירוש צום קלוגן און געניטן אויג און זאָל דער מוח שעפּן פֿונעם מעין־הנובע פּרווידישע טייטשן פֿאַרן טיפֿן מ י ד ב ר־ ש י ר, וואָס האַלט אין זיך פֿאַרבאָרגן דעם פּאָעטס צערפּולע, סודותדיקע וועלט; דער מוח, אַלץ דער מוח זאָל אָפּשיקן דעם ריכטיקן מיין און באַדייט און דעם תוך צום ריכטיקן אָרט, ווייל אָט אַזאַ ליד איז דעם פּאָעטס פּראָפֿונדוס; און דער לייענער דאַרף דווקא אָן אַ ביאָגראַפֿישער צעשיפּרירטקייט דאָס דערשפּירן און אַנען...

ס׳איז נאָר כדאַי צו פּאַקטיש מאַכן אַז אין אמתן חלומט דער פּאָעט גאָר ניט אויס קיין נייע וועלטן, נאָר ס׳איז רק דער חלום פֿון זיין אייגענער סודותפֿולער ניט־פֿאַרגאַנצטער וועלט און ער אַנטפּלעקט זי פֿאַר אונדז דורך דעם וואָס ער וויל איר געבן אַ קינסטלערישן אויסדרוק — זי געשטאַלטן זינגלעך.

מיר דאַרפן נאָר זיין גרייט זי אויפצונעמען און זי פאַרשטיין ווילי׳ק, זיך אַריינטראַכטן און זיך אַריינאַנען אין איר רעוואָלאַציע.

און איצט, ווען אונדז איז מגלה געוואָרן אַז גלאַטשטיינס לעבנס־טרויער איז ווי אַן עלעמענט אין זיין שאַפן, אין זיינע ווערק, קען מען שוין גרינג באַגרייפן אַט וואָס: גלאַטשטיין מיט אַלע זיינע באַפּאַנצערטע פסוקים־פליטערלעך, חכמערייען און שפּרודלדיק בליציקע ריידערייען זענען ניט מער ווי אַפּוער כלי־זיין אויף צו צעשטערן זיין טרויער, צו פריטשמעליען זיין מרה־שחורהדיקייט — די עגבערדיקע עצבות פאַר־ציימלען.

ער פאַרשפּילט און פאַרקליגלט און פאַרלעצעוועט אַפילו אַ סך מאָל זיין טרויער, זיין פּעסימיזם און זיין אייגענעם וועלטגעראַנגל ווי אַ ייד; ער וויל אים ניט פאַרשפּילן נאָר פאַרווערטלען קלוג, ווי אונדזערע טאַטעס האָבן פאַרווערטלט און פאַרקליגלט דעם דלות און דעם גלות, כדי מדחה צו זיין פון זיך די סטראַשנע און בייזע רעאַליטעט מיט אירע אומע־טיקע גערטנער וואָס באַפּרוכפּערן זיך אויף בלוט. ניט דעם יאוש, נאָר דעם אייגענעם אומעט און די יידישע לעבנסעלנטקייט פירט ער כמעט קלעזמעריש אונטער דער חופּה פון ווערטלדיקע וואָרטשאַפטן וואָס ער מאָדולירט און פאָלירט און לאַקירט ביז אַ שפּיגלגלאַנץ; ער צעשניצט וואָרט־ריטעם, וואָרט־טענער אויף העלפטן, פערטלען, אַכטלען און ברעקלעך פון זעכצנטלעך — ביזן געשטויבטן מילך־וועג פונעם דורותדיקן יידיש־זינגעוודיקן וואָרטאַל פון אַל־וועלטאַל.

און פאַר אים ליגן דאָך שפּראַך־אוצרות ווו ער קערט זיך און ווענדט זיך; אין אַלע דימענזיעס פון יידישן אומעטום און איבעראַל פון אונדזער געוועזנשאַפט און איזנשאַפט און זיינשאַפט.

זיין טרויער דערגייט ביז גאָט אַליין און ער ווערט איין שטיק אומ־ענדלעכע, אומאויפהערלעכע גאָטפאַרוואַנדלעניש, וואָס איז ביי אים „דער גאָט פון טרויעריקן שבת". די פּאָעמע איז טיפדענקעוודיק, מאַזאַיִסטיש און פּראַכטשאַפטיק און טראַכטשאַפטיק און מיט אַ קלאָרער קלערעוו־

דיקייט. ס׳איז די טראַגיק פון דער קאָסמאָגאָניע, וואָס דער פּרא אָדם „מיטן אוירינגל״ האָט אָנגעהאָנגען אויף איר זיין פילגעטעריי אין אַלערליי איזמען מיט כלערליי קוויטנדיקע אידעאַליזמען; און אַזוי נאָך פאַרשטעלט זיינע ווילדע מעשים פון זיינע ר ו י ט ע טועכצן וואָס פאַרבן אים, דאָך, בלוטיק אריין אין זיין גאַליקן פּזמון! איר — — —, די פאַרמעגנטשלטע אָפּגעטער פון קלאָרן פאַרשטאַנד! ס׳איז עטיש, ס׳איז די העכסטע עסטעטיק פון מענטשנס פערצעפּציע — גאָט! אידעאַל! איך בין ערב־לעבן, איך בין חלום פון טריליאָרן.

אוי, דו, מיין ליבער ברודער גלאַטשטיין! מיין האַרץ צאַפּלט פריידיק פאַר דיר.

ס׳איז פיל גרינגער צו משיג זיין די טראַגישקייט פון גאָט איידער די טראַגישקייט פון אונדזער אַלט פאָלק ישראל; ס׳איז דאָך אומזינלעך און אומבאַנעמלעך אַפילו פאַר אַזאַ טראַכטמייסטער ווי גלאַטשטיין; ער בלייבט געפּלעפט מיט זיין פּאָעטישער וואָרט־מייסטערשאַפט; ווי אַ פּאָס־טעך אָן אַ פּייפל בלייבט ער שטיין אָפּהענטיק פאַר זיין שנעל־פאַרצוקטער סטאַדע. ער גיט נאָר אַ פּליעסק מיט בראַצלאַווערס הייליקע הענט און טוט זיך אַ צעזינג פון פולע שפּייכלער אַרויס מיט בטחון — די הימלישע פייזאַזשן. ער ווערט פּאַני־בראַט מיט גאָט גיכער ווי מיטן מענטש. און ער זינגט פלייטאָנישע נאַכט־לידער אין זיין ירידה:

„שומר, שומר, האַלט די פעסטונג פון אונדזער נאַכט״

אַוודאי האָט קיינער ניט דאָס גראָבע האַרץ אים צו פרעגן: „נו, צי וועט אָן דעם בראַצלאַוער אויך אַזוי זעעוודיק אַ וויז טאָן זיך דאָס קוים־קוימיקע וואָלקנדל״? אַוודאי ניט! אויב ס׳וועלן ניט זיין די יידישע אויגן, בפרט אָן דער טרויעריקער בענקשאַפט פון איינעם וואָס איז דער ייד פון ליד און זינגט בראצלאַוודיק מיט חדווה; כאָטש ער דער־הערט אַ מאָדנעם בת־קול:

„מיט אַ מאָל, הער איך אַ שווידערלעכן רוף:
זינגער, ס'איז דיר לייכט דיין וועג,
ווייל דו ביסט אייביק און טויט —
האָסט פאַרלוירן דיין גוף".

(ז. 77, לייענענדיק דעם אחיספר)

גלאַטשטיינס טרויער איז ניט אָט דער וואָס קומט פון דער גילדענער פאַווע, נאָר דער טרויער פון דער מיאוסער מעשה פון אָדם וחוה וואָס איבער זייערע זינד האָט דער מענטש פאַרשפּילט די גאַנצע וועלט אויף אייביק אויף אונדזער ערד.

נאָך עפּעס מכוח גלאַטשטיינס טרויער און עס וועט אָפּגערייניקט ווערן אַ נייער שטעג צו זיין שאַרף־חכמהדיקן אופן פון דיכטן און דער־ציילן — זיין קריטיק אַפילו, איז ניט פריי פון אָט דעם אופן פון יאָגן זיך נאָך אַ זינגעוודיקן שפּיגלגעדאַנק פון חכמה; ס'איז ביי אים ניט בלויז קיין זשאַנער, נאָר זיין קינסטלערישע פּריזמע מיט וועלכער ער פּרוווט די זינ־לעכקייט פון דער זאַך צו פונעם קלער. אָט אַזוי פּאַסט ער אויף און אַנאַ־ליזירט אָביעקטן און מענטשן — די גאַנצע וועלט און אויך — גאָט; די וועלט אין וועמען עס האַלטן זיך אויף אַלע וועלטן, שכלדיקע און דמיונדיקע.

גלאַטשטיינען גייט שטענדיק נאָך אַ געגראַמטע חכמה, אַ ירושהדיקע; זי קומט צו אים ספּאָנטאַן, אַ מין פלוצעמדיקע אַנטפּלעקונג ביים פאָרן וואָרט מיט וואָרט; ס'איז פּשוט דערפאַר ווייל זיין פאַרגרעסערגלאָז (דאָס לשונדיקע) איז צו אים איבערגעענטפערט געוואָרן בירושה, ווי ס'איז שוין פריער אָנגעמערקט געוואָרן, אַזוי ווי אונדזערע טאַטעס האָבן ליב געהאַט באַפּעפערן מיט כלערליי בייסאַכצן דעם דלות און דעם גלות; און דאָס איז ביי זיי געטאָן געוואָרן כדי צו פאַרקערפּערן דעם זין פון דער זאַך אין אַ תוך, אין אַ י ש וואָס איז געוואָרן אַ גורל־וועזן; און ס'איז ביי זיי טאַקע געטאָן געוואָרן דער עיקרשט נאָר אויפן חשבון פון אַ צוזאַמענשמעלץ פון שפּראַכן: העברעיש מיט יידיש; סלאַוויש מיט יידיש; און טייטשמעריש

מיט יידיש; אַט אַזוי האָט זיך אויסגעפּאָרמירט אַ אידיאָמאַטישער אופן פון יידישן רעדנסאַרט וואָס איז אי געווען טיף, און אי שאַרף — אַ טאָפּלטע (כלי זיין): גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק; אויפן בוידעם אַ יאַריד, געלט שמעלט, נפטר פיפטער, אַבי געזונט; און הונדערטער ענלעכע ווער־טער־שווערדלעך מיט וועלכע מ׳האָט יענעם, אָט דעם וואָס מ׳האָט גע־דאַרפט, אָפּגעשניטן די קאַפּאָטע אַזוי, אַז בלוט זאָל רינען...

ס׳איז געלעגן וועלט־חכמה אין אַ יידישן זאָג. ס׳איז געלעגן דינאַמיט אין אַ יידיש שטעכווערטל; אַ יידישער גראַם האָט אונטערגעצונדן און חרוב געמאַכט אָט דעם צו וועמען ס׳איז געווען די כוונה מכבד צו זיין אים מיט אָט דער פאָרעם; היינט די אינטאָנאַציע פון יידישע ווערטער און פראַזן, און איבערדרייעניש פון פשט? אַ וועלט פאַר זיך וואָס פאָדערט אַ באַזונדער מהרהר זיין.

אַוודאי דאַרף אַ יידישער וואָרט־קינסטלער זיין היימיש אין די דאָזיקע וועלטן ווי די קוזניעס און וואַרשטאַטן פון דורות האָבן גע־מייסטערט דאָס מאַמע־לשון וואָס איז געוואָרן אי דאָס קינסטלערישע דוד־המלכס פידעלע און אי דעם פאָלקס מענה־לשון.

גלאַטשטיין האָט מער ווי אַלע אָט די פאָלקס־ירושה געירשנט און זי דערהויבן צו זיין קונסט אַזוי, אַז ער קען אָן איר זיך ניט רירן — קיין וואָרט ניט אָנשרייבן אַז ס׳זאָל אין דעם ניט זיין עפּעס יידיש־כאַראַק־טעריסטישע תנועות. זיין גראַם איז ביי אים (קוקט זיך צו צו אים) מער חכמה־גראַם ווי איינפאַכער קלאַנגען־גראַם. ער באַשאַפט אויך קאַטאַוועס־גראַמען; ס׳איז ניט נייטיק צו אילוסטרירן, ער איז באַרימט דערפאַר. זיין פּאָעמע „לייענענדיק דעם אחיספר״ איז אינגאַנצן, מיט דער אויסנאַם פון איין־ניקע פאַלן, איין שטיק פון גאַלע קאַטאַוועס־גראַם; אַ סאַטירע לויטן גוסט פון דובנער מגיד; זי פאַרמאַגט שאַרף־וויציקייט, בייסיקע גראַמען און פאַבלישע שאַבליעס וואָס שניידן אויף דעם מאָראַלישן זין אין איר, וואָס מאַכט אַז דער סוביעקט זאָל שטעכן אין די אויגן אַריין און דער אָביעקט זאָל מאַכן פון יענעם אויסצודרייען זיין נפש מיט די פיס אַרויף...

„און דו, פֿאָלג מיך, לעמאַנעשעם,
מעגסט אויך שוין האָבן
זרגונית אין ויאמר
גיב אַ זעץ דעם גלאַטשטיין איבער —
אויף יעקב כדרלעומר״

איר זעט בפירוש ווי ס׳איז ביי אים פֿאַרוויאַנדזלט אין אידיאָמאַטיש־קייט דאָס לשון. ער זעצט אַריין בכיוון איין קליינטשיקן — אין — צווישן זרגונית און ויאמר און עס ווערט שוין דער געדאַנק מיט די פיס אַרויף, אָן איבערקערעניש אינעם טייטש וואָס ס׳מאַכט אָן אַ שטעכעניש אין די זייטן פֿונעם שונא און אַ געלעכטער אין בויך, פֿון די, וואָס כאַפּן דעם אויפטו. דאָס ליד נומער 3 פֿון דער זעלבער פּאָעמע, קלינגט ווי אין חומש: גרגשי, פרזי ויבוסי. עס באַווייזט ווי מ׳קען נאָך איצט אויך כישופֿן מיטן יידישן „גראַם שטראָם מאַך מיר אַ לעטניק״, און ס׳זאָל טאַקע מיינען עפּעס און אויך אַפֿילו ווי טאָן עמעצן זייער שטאַרק. וואָרעם ס׳איז מיט אַ ספּעציפֿישער שפּראַך־אויסגערעכנטקייט געפֿורעמט געוואָרן אַז מ׳זאָל בלויז טרעפֿן דעם, צו וועמען מען צילט, און דער יעניקער וואָס כאַפּט, אַז אים מיינט מען עס, קריגט אַ גרימעניש אין בויך! ביים לייענען דערפֿילט מען דעם המשך פֿון די סאַטירישע געווירצן וואָס די מייסטערס: מיכל גאָרדאָן, מענדעלע, שלום עליכם און אַזוי ביזן דובנער מגיד, באַפּעפֿערן די יידישע ליפּ מיט אַ בריאיק און ביטערדיק וואָרט וואָס שיסט מיט טויטלעכן סם־און־פֿייער ווי, להבדיל, אַ גוייִשע ביקס...

דער סוף פֿון דער ד׳אָזיקער פּאָעמע איז שוין ציטירט פֿריער און מ׳קען זען די פֿיינע שטימונג וואָס דער מחבר האָט דורכגעלעבט קייכנדיק פֿון געלעכטער בעתן שרייבן די דאָזיקע קאָמפּאָזיציע, וואָס איז באמת אַ מייסטערשטיק און איז ווערט טאַקע אָנגערופֿן ווערן מיטן פֿאָלקסווערטל: אַ שטיק צום זינגען און צום זאָגן, און אַחרי כלות הכל, איז עס ווידער אַ באַווייז פֿונעם גרויסן טרויער וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גלאַטשטיינען און

ער האָט דערפילט אַז די גרונטן פון זיינע יידישע פּיס קוילערן זיך אַוועק אַזש קיין ארץ־ישראל...

און אָט אַזוי טריפט דער פּאָעט בלוט און ס׳האָט אַפילו ניט קיין שטיקעלע מאַטעריע אויף וואָס אַרויפצופאַלן טראָפּנווייז:

„ווייל דו ביסט אייביק און טויט —
האָסטו פאַרלוירן דיין גוף״.

און גלאַטשטיינס גוף איז גאַלע שטראַלנדיקער יידיש. אָן אים איז ער אָן גוף, אָן לעבן — חיותלאָז.

דעם גרעסטן אויסדרוק קריגט זיין טרויער אינעם ליד „אַ וואָרט אין מויל״. דער לעבעדיקסטער וואָרטמייסטער וואָס פאַרמאָגט אַפילו אַ וואָרט אין אַרבל, איז זייער טרויעריק ווען עס קומט צו אים: אַ וואָרט אין מויל... און אָט דאָ נעמט גאָר דער גאַנצער טרויער זיינער און קריכט שטעכיק, ווי אַ נאָדל פון זאַק אַרויס — די פילע געפּאַנצערטקייט זיינע מיט אַלערלייאיקע און קלייאיקע ווערטערשפּרוכן און פסוקים־פריינדשאַפטן צעפליען זיך ווי שנייאיקער פּוך אין דעם דאָזיקן ליד „אַ וואָרט אין מויל״.

„וואָס פאַרמאָגסטו דיין אייגנס?
אַ וואָרט אין מויל.
נעם דעם טייטש דערפון און פאַרהויל״

אָט דאָ קליגלט ער זיך ניט גלאַט סתם אַזוי זיך, אָט דער גלאַטשטיין וואָס וויל אין זיין טרויער זיך שטאַרקן; האָגלט איבער אונדז נייע חזקלעך פון פאַרשיידענע טרייסט־קאָמבינאַציעס דורך דער הייטערדיקייט פון אונ־דזער צעשטראַלטן יידיש־קודש, וואָס וועקט אַזש אויף די אָבות און די אמהות און מיט זיי שטייען אויך אויף אַלע גוטע און ריינע נשמות כדי צו קענען מיט די קדושים צוריק אַ הייליקן שטאַרב טאָן און אַזוי אַרום מקיים זיין די העכסטע מצווה; און זיי מוזן זי מקיים זיין מחמת נאָר אַזוי קענען זיי פאַרבלייבן די הייליקע אָבות.

גייען זיי מיט דער כנסת ישראל און שטאַרבן מיט איר אין די פייערן:

„אָן מצוות פאַר עבירות
איז שיינקייט בלויז פאַר בהמהשע מעלה-גרהס".

(ז׳ 35 פסוקים)

און גלאַטשטיין ווייסט גוט זיין לוין:

„מיין גרעסטער לוין איז געווען,
צו נעמען אַפילו שאָלעכצער פון ווערטער
און זיי פאַרוואַנדלען
אין ראַזשינקעס מיט מאַנדלען".

ער איז ביי אונדז דער אַלמעכטיקער פון דער ניי־יידישקייט און אין איר מוראדיקער ווונדערלעכקייט וואָס איז געהייליקט געוואָרן אויף די ליפּן פון אומניסימדיקע בני ישראל, שאַפט ער קיומדיקע וועלטן — יידישע קונסטווערק.

דאָס גאַנצע בוך „שטראַלנדיקע יידן" איז איין גרויליקע טעמע — אָן אומדערשעפּלעכע — זי ציט זיך אָן אַ סוף, ווי עס ציט זיך דער לוויה־צוג פון דער סעקטע אַבלים, אָן אַן ענד און אָן אַ סוף. יעדע ליד ביי אים אַנטהאַלט עפּעס אַ טייל פון אַ פריערדיק ליד. ס׳איז איין קאָלאָסאַל קלאָג־געזאַנג געיאָמערט אויף פאַרשיידענע וואַריאַנטן און מאָטיוון וואָס ער גיסט אַריין אין זעלטענע ווערטערדיקע כלים — יידישע לידער פון ניינצן הונ־דערט און 3 4 5 6 7, דאָס זענען חתימות פון יידישע נשמות איבערגע־ענטפערט צו אונדז דורך דעם יידישסטן פּאָעט פון אונדזער צייט.

אין אַל תדין, פסוקים און, דער עיקרשט, כ׳דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאבוויי, איז גלאַטשטיין איבערגעלאָדן מיט מעדיטירטער פּובליציסטיק־פעליעטאָניסטיק־זשורנאַליסטיק; ס׳איז אַ דינאַמישע פערזיפיקאַציע וואָס וויל ניט און קען ניט בשום אופן זיין געצאַמט, געוויגן און געמאָסטן לויט

די כללים פון דער מעטריק, דעריבער פאַררעדט ער זיך און פאַרשפּילט זיך שוין בכיוון; ער נעמט זיך גרויסע דיכטערישע פרייקייטן. טאַקע ווייל ער רירט אָן אין זיי גרויסע און תוכיקע פּראָבלעמען און ער וויל מיט זיין לייכטער מאַגישקייט דערגרונטעווען זייער עסענץ, דעם זין פון זייער גרויסן וועזן, איז גראָד דאָ האָבן די פּערזן ביי אים זיך אויסגעשפּאַנט פון זייערע פּאַעטישע כאָמוטלעך, וואָס האַלטן זיי אָן אויף צו שלעפּן פּאָעזיע לשם פּאָעזיע און זיי שפּרינגען אַרום דווקא אין זייערע גרויסע עולן, ווי חדר־יינגלעך אין ל״ג בעומר אויף דער פרייער נאַטור; סיי דער פּערז און סיי גלאַטשטיין ווילן ניט גיין אין חדר אַריין — צו דער אַזוי געטאָטשעטער פּראָבלעמאַטישער וואָר, צו דער ניעשטשאַסנער איצטיקייט פון אונדזער תקופה; שפּילן זיי זיך אין פּילקע (אָדער ווי מיין מאַמע פלעגט זאָגן: בייזן־באַל...) און וואַרפן זיך איבער מיט געדאַנקען וועלטיק־גרונטאָוונע וואָס אומרואיקן־אויף די שוימיקע ליפּן פונעם וואָרהאַפּטיקן פּראָבלעם פון יידישן קיום — דער ברעג פון ים; אָבער ס׳איז פאָרט ים! די פרייקייט און די לייכטקייט פון די מעדיטירטע פּערזן אין די דריי אויבן דערמאָנטע פּאָעמעס, באַווירקן אים מיט דער פאָלקסבאַרעדעוודיקייט פון חנעוודיקע ,ניין מאָס רייד׳, אמת, טאַקע קלוגע רייד, געוויס! (ס׳איז אַ משפּחהדיקע טבע וואָס גלאַטשטיין האָט עס געירשנט פון זיין זיידן ענזל) און ער דעקט זיך איבער מיט דעם ווי מיט דער מאַמעס קאָלדרע, די יידישע קאָלדרע. ער איז פול מיט סטיליסטיק, אָט־די וואָס פלירטירט ביי אים מיט מאַגישע חידושים איבער די צרות און פורעניות וואָס האַלטן דעם יידישן מענטש און נאָך מער דעם יידישן שריפטשטעלער־פּאָעט אין אומאויסגעגלעכע אויסוועגן פון דער יידישער אומבאַהאָלפנקייט. און אָט דאָס פאָרמירט ביי גלאַטשטיינען די יידיש־שפּראַכיסטישע אויבערדעק וועלכע ער ציט אַריבער, אין אַ נויטפאַל, איבערן קאָפּ און פאַרדעקט זיך זיינע אויגן. ס׳איז אַ ספּעציפישע כאַראַקטעריסטיק ביי אונדזערע נאַציאָנאַלע קינסטלער הן אין דער וואָרט־קונסט און הן אין דער פּלאַסטיק; שאַגאַל איז דער בעסטער ביישפּיל; ער סטיליזירט אָט דאָס וואָס ס׳איז פאַר אים אומדערקלערבאַר און ער קען דאָס

ניט צובערענגגען צום שכל אַז ער זאָל עס בכוח האָבן צו צעקייען; טוט ער זיך אַ כאַפּ פאַר דער סטיליסטישער קאָלדרע. פונקט אַזוי האָבן מענדעלע, שלום עליכם, משה נאַדיר און בערגעלסאָן אַפילו, אַריבערגעצויגן פיל מאָל די סטיליסטישע קאָלדרע פון יידיש לשון און זיך פאַרדעקט די אויגן כדי צו זען די יידישע אומאויסוועגלעכע צרות אין אַלגעמיין, און אַ מאָל האָבן זיי עס געטאָן כדי די יידישע אומשיינקייטן פאַטשן, קריטיקירן מיט פאַר־ביטערטע בייסעניש.

דעריבער, ווען מ׳גראָבט זיך אַריין טיף אינעם בוך „שטראַלנדיקע יידן״, פאַראַנקערט מען זיך צוזאַמען מיט גלאַטשטיינען אינעם געראָכטן אָבער דערפאַר איז עס בפירוש אַן אומענדלעך און אַן אומשיעורלעך טענה־מענה־ריידעריי מיט גאָט.

אָט אין אַזוינע פאַלן איז ער צו פיל אין דער רעטאָרישער סובלימאַציע און דערפאַר טאַקע דערגרייכט ער ניט, היפּשע מאָל, צו דער פּאָעטישער עקזאַלטאַציע; ער איז געוויס און לכל הדעות שטאַרק פאַרדבקהט מיטן ליכט פון די שטראַלנדיקע יידן און ער איז זיך ביז גאָר מתיחד מיט דער ליכטיקייט פונעם פאָלקס יידיש־שטראַלנדיקן לשון וואָס פאַר זיך גופא איז עס פאַרן קינסטלער די פּאָטענציעלע אוצרות פון דער וואָרט־קונסט און דער קוואַל פון דורותדיקער חכמה און געלייטערטע פּאָעזיע.

און גלאַטשטיין פאַרמשפּחהוועט אָט דאָס אַלץ אַ דאַנק זיין זיידע ענזלען.

ער פירט אונדז אַרויף אויף דער יידישער אַרענע ווו וואָרט און געדאַנק פירן אָן מיט אַ ציקלאָנישער קראַפט דעם שטרייט פאַר יידישן לעבן — פאַר זיין קיום.

וואָרעם, אַז מען ענדיקט שוין אין „געהאַקטע ווונדן״ און אין אַ געבראָכענעם געמיט די „שטראַלנדיקע יידן״ ווערט מען ערשט קנאַפּ וואָס געוועזן, ווייל שטאַרקער און העפטיקער פון אַלע עלעמענטאַרע יסודות איז דער איינציקער קאַטעגאָרישער אמת, אַז מיט דער קונץ פון דער בלוטיקער יידישקייט וואָס קומט צו אונדז פון דער פאַשיסטיש־נאַציסטישער וועלט,

און מיר ווערן ביי גלאַטשטיינען אַזוי ספּאָנטאַן באַלעזן און אויס ווען פון איר, — קען קיין שום פּאָעט מיט איר טאַלענט־פאַרלענדיקייט ניט קאָנקורירן — אַט אַזוי האַרצלאָז איז די אַנטיסעמיטישע קונץ מיט איר פאַרבלוטיקן אונדזער ייִדישקייט.

II

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פינף אָפּטיילן:

אַ געזאַנג וועל איך זינגען.
איבער מיין טרויעריקן דאַך.
אין אַ נאַכט פון ירידה.
מיין קינדס־קינדס פאַרגאַנגענהייט.
כ׳טו דערמאָנען.

אין דעם ערשטן אָפּטייל זענען פאַראַן דריי גרעסערע פּאָעמעס: „ווידער־שטאַנד אין געטאָ", „ניט די מתים לויבן גאָט", „אַל תדין". ווידערשטאַנד איז אַ כראָניק וואָס ס׳האָט געקענט געפינען ווערן אין אַ וואַלד, ווייל זי הייבט זיך אָן:

„מיר זענען געווען פאַרהונגערטע,
צעטראָטענע, פאַרשלאָפטע ייִדן,
מיר האָבן ניט געוויינט, ניט געמאַכט קיין געוואַלדן
די ערד האָט אונדז שטיל געהאַלטן,
איצט זענען מיר שיינע שטאָלצע,
שטראַלנדיקע ייִדן"

און עס זאָגט זיך דאָרט אויפן זעלבן כראָניקאַרטיקן אופן ווייטער:

„פלוצעם האָבן מיר געקראָגן
אַ מוראדיקע און מעכטיקע שטים,

מיר האָבן געשריגן העכער און העכער,
ס'איז פון אונדז אַלעמען געוואָרן —
איין געטלעכער אַנאָנים".

אַט דאָ איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער גראַם — מעכטיקע שטים מיט געטלעכער אַנאָנים, זענען זיך טאַקע גרינג צוזאַמענגעפאַלן, דאַך גיט עס אונדז אַן אָנדייט, אַ רמז אויפן פסוק אין פרק: קול המון כקול שדי! און לאָמיר ניט דענקען אַז ס'איז ניט מער ווי אַ שטיקל פּילפּול; יעדער ייד וועט דאָ דערפילן אַז דאָס איז דער כוח פון דער דורותדיקער יידישער אַנונג, צו דערשפּירן און אומבאַוווסטזיניק אַרויסשיפן אויף דער אויבערפלאַך פון דעם אינטואיטיוון דענקען וואָס איז מסוגל זיך אָנצוקניפּן אינעם יידישן אונטערבאַוווסטזיין. וואָרעם יידיש־טראַכטן אין אַן עת־ צרה איז אויך דאָס גורלדיקע טראַכטן פון קדמונים.

און הערט אַקאָרשט וואָס עס דערציילט זיך דאָרט ווייטער אין דער כראָניק, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן דורך דער יידישער טעלעפּאַטיע צום פּאָעט:

„די קליינע טאַטעלעך זענען געוואָרן
וואַלדיקע כאָרן
און מיר האָבן אַזוי געזונגען:
מיר זענען דער וואַלד
און דער וואַלד ברענט,
און גאָט שפּאַצירט מיט אונדז
אין ברענענדיקן וואַלד".

ווי לאַנג דער יידישער גלות איז, אַט אַזוי לאַנג האָט אים גענומען אויף אָנצוזאַמלען פעסטונג־מאַטעריאַל אויף צו ווידערשטיין פאַרשיידענע פּור־ עניות און אומקומדיקייטן פונעם יידישן געביין. עס האָט זיך געמוזט אויס־ אַרבעטן אַ ספּעציפישער נצחון־געפיל קעגן שונא און אַזאַ מין פילאָזאָפישער וועלטקוק וואָס אין זיין מיאשדיקן סכום טראָגט ער אין זיך דעם אַרסענאַל

פון נקמה וואָס האָט דעם אַלמעכטיקן כוח צו פאַרשאַרן אַפילו, ווי אַ נישטיק ביסל מיסט אין אַ ווינקל אַריין, דעם אומזיסטיק נישטיקן טויט גופא, וואָס ווערט אין זיין גאַנצער גרויל ווי אַ נ ע ב ע כ ל אין פאַרגלייך מיט דעם בסדר שטייגנדיקן פילאָזאָפישן וועלטקוק וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט ווי אַ וועלט־דערקענטעניש פון דער ערד ביזקל הימל אַרויף — אַ פעסטונג־וואַנט, וואָס ס׳איז גאָר ניטאָ דער ערדישער כוח, מיט דער אַטאָמישער באָמבע צוזאַמען, וואָס זאָל זי קענען צעשיסן:

„מיר האָבן גאָרניט געוווּנען.
דער וואַלד האָט אויסגעברענט.
אָבער אין געטלעכער פינצטערניש
שפּאַצירן מיר קליינע טאַטעלעך,
פאַרקרענקטע מאַמעלעך,
צו דער ערד געבויגענע ייִדעלעך
און געשטאָרבענע קינדער".

און אינעם קלימאַקס דערגרייכט דער נצחון־געפיל צום העכסטן הויכ־פּונקט פון נקמה־סאַטיספאַקציע און זיי זאָגן צו די לעבן־געבליבענע אַזוינס, וואָס סע קלינגט ווי דער נס פאַר אונדז, וואָס מיר קאָנען אים נאָר אַרויס־לייענען פון אַן אַלטער מגילה אַרויס:

„מיר האָבן געזען זייער בלוט
און מיר זענען צופרידן.
מיר זענען שיינע, שטאָלצע,
שטראַלנדיקע ייִדן".

געוויס איז עס דער פלאַם פון „אָפפוני דמים עד נפש", אָבער ס׳איז דער גורל־וועג, אויף וועלכן עס באַגלייטן אונדז פאַלקישע טענער פונעם מוזי־קאַלישן מאַרש וואָס טראָגט אונטער די לויטערסטע נגינה פון אונדזער נאַציאָנאַלן אַשרי תמימי דרך — — — ס׳איז אַ וועלטדערקענטעניש; אַ ריין ייִדיש־מאָניסטישע, דערוואָרבן אויס נשמה־בענקשאַפט.

אין דער צווייטער לענגערער פּאָעמע „ניט די מתים לויבן גאָט“, איז אַ ווידערגעבורט פון מתן־תורה, ווייל עס זאָגט זיך ערגעץ אין אַ קבלה־ספרל אָט אַזאַ יידישער געדאַנק: און דער סוף פון דער וועלט, דער קץ וועט זיין ווי דער אָנהייב: מיט קולות וברקים וואָס סע וועט געבלאָזן ווערן אין גרויסע שופרות אַזוי, אַז קיניגרייכן וועלן צעפאַלן ווי שפריי און פאַרטראָגן ווערן אין פאַרגעסנקייט. אָט אַזוי וועט זיין דער אחרית־הימים, פונקט ווי ביי מתן־תורה.

און די פּאָעמע הייבט זיך אָן אַזוי:

„די תורה האָבן מיר מקבל געווען ביים סיני,
און אין לובלין האָבן מיר זי אָפּגעגעבן“.

און אָט דאָ איז אויך דער נצחון אַפילו קעגן דעם בורא העולם, וואָס האָט גע־קענט גאָר דערלאָזן ס׳זאָל קומען צו אַזאַ אוממענטשלעכער פּאַרטיליקטקייט. און ס׳איז דווקא ניטאָ קיין ברעקל כפירה אין די רייד; ווייל יידן וואָס שטייען ביי די פייערדיקע אָפּגרונטן פון אומקום זענען ניט קיין לייכטע אַפּיקורסים, נאָר ס׳איז אַ מין אָנצוהערעניש אַז די השגחה פרטית קען זיך ניט און טאָר זיך אַפּנים ניט אַריינמישן אינעם מענטשנס באַשערטן גורל — ער, דער מענטש, ווייל דאָך האָבן, אַזוי צו זאָגן, די בחירה, טאָ האָסטו דיר, בן אָדם, דיין בחירה!...

נאָר פונדעסטוועגן גיבן יידן אין לעצטן אָפּגיין פון די קאָנפלי־גראַציעס אין די קאָנצענטראַציעס מיט גאַז־קאַמערן פון אויסוועדן, ווען דאָס טראַכטן איז שוין ביים לעצטן פעדעמל פון אויס; אויס — לעבן; און אויס — טראַכטן; דאָס גאַנצע מאַרכגעטראַכט האָט זיך אויפגעלייזט; האָט אַ פּסוק פאַרביימאַרשירט, אפשר דער שוין לעצט־אָטעמדיקער פּסוק:

„ניט די מתים לויבן גאָט,
די תורה איז געגעבן געוואָרן צום לעבן“.

און דאָס איז אַ בליצשטעכיקער הללויה־פּסוק וואָס שניידט זיך אין אינעם

הימל און בלייבט דאָרטן שטעקן ווי דאָס געווערג פון אַ שטעקנדיקן ביסן;
און זיי זאָגן דאָס אַפילו ניט אין גאָטס לשון — תורה־לשון, נאָר אויף יידיש־
קודשדיקן מאַמע־לשון:

„און אַזוי צוזאַמען ווי מיר זענען אַלע באַזאַמען
געשטאַנען ביי מתן־תורה
אַזוי וואָר זענען מיר אַלע געשטאָרבן אין לובלין".

אָט אַזוי דעמאָנסטרירט די יידישע געפאַלנקייט אין איר לעצטער ליק־ווידאַציע, די גרויסע יידישע אַחריות פון אַחדות־האומה! דערפון וועט עפּעס מוזן אַרויסקומען. עס וועט מעגלעך, דער בליק אויף דער יידישער גאָט־אידעע, געענדערט ווערן ביי די צוקונפטיקע דורות וואָס וועלן נאָך האָבן אַ יידישן קיום. וואָרעם, מכל נגשות השכלתי וועט זאָגן ישראל, וואָס וועט אַרויסקומען פון דער שארית הפליטה און אויך אויפגעשטעלט ווערן (פון זיין פּאַרטיליקטקייט צווישן די וואַלדיקע־גוואַלדיקע פעלקער) צוריק צוזאַמען מיטן אייביקן קיום פון ציון תובב"אַ וואָס וועט געדייען אין אַ וועלט אָן איבעריקע און אומזיסטיקע ווייען.

ווייל מענטש און גורל איז איינס; מענטש מיינט — גורל. און גורל — געשיכטע פון אַ פאָלק.

און זיין גאָט איז אויך אַזוי.

מיר ווייסן ווי אַזוי מענטש טראַכט אין־גאָט־אַריין... טראַכט ביי נאָרמאַלע צייטן און אין צייטן ווען פייערן וויקלען אַרום זיין גוף. אָבער ווי אַזוי טראַכט גאָט אינעם־מענטשן־אַריין?

„גאָט טראַכט ניט; איז קיין מענטשלעך טראַכטן געווים ניט.
צי קען דען זיסקייט זיך גופא קוויקן מיט איר זיסזיין?"

אַן אידעע קען ניט אידעיִשער ווערן פון אייגענער אידעיִשקייט. זי מוז פאַרזייעט ווערן אין די פאַלדן פון געהירן. אַזיסט איז זי גאָרניט.

און גאָרניט איז נאָך עפּעס קעגן אַן אידעע וואָס איז אויסער מאַרך — ניט אין די געהירן פון אַ מענטשן.

אָבער וואָס און ווי אַזוי טראַכט אַ גאַנץ פאָלק אין זיין שעת־הכושר, איידער זיין אונטערגאַנג? איידער דעם — אויס!

קיינער קען עס ניט משיג זיין.

אַוודאי ניט!

אָבער אין דער פּאָעזיע, טראַכט דער פּאָעט פאַר זיין פאָלק.

און גלאַטשטיין טראַכט פאַרן פאָלק, אַט יענעם פאָלק וואָס האָט שוין אָנגעווווירן דעם כוח פון טראַכטן; און ער טראַכט אין דער הייך; מיט אַלע זיינע כוחות פון זיין שרייענדיקן טראַכטן — זיין שפּעפערישע הויכקייט!

בכלל דענקט גלאַטשטיין אויפן קול.

ער איז אַ שטימונגספולער הויכשטימיקער דענקעוודיקער פּאָעט. זיינס אַ ליד איז פול מיט דער פּערפּעטועלער באַוועגונג פונעם ים. עס הערט ניט אויף צו שיקן נייע כוואַליעס צו אונדזער זאַמדיקן ברעג.

און שעהען לאַנג קען איך שטיין לעם ברעג פון ים. און שעהען לאַנג קען זיך אין מיר אַרומבאַמבלען גלאַשטשטיינס אַ פראַזע פון אַ ליד, צי גאָר אַ גאַנץ ליד זאָל זיך אין מיר וויגן, וויגן און וויגן:

„די נאַכט איז אייביק פאַר אַ טויט פאָלק”.

דער פּאָעט פייניקט זיך מיט־אַט־דעם וועלן־וויסן און ער מאָרעט זיינע געהירן בעתן קריכן אין די געהירן פון זיין פאָלק. וואָרעם אַלץ ליגט דאָך אין די געהירן וואָס האָבן אויסגעאַרבעט באַגריפן וועגן גוטס און שלעכטס; און ער קומט צו שווימען צו אַט די פאָלקס רעזערוואַרן וואָס ליגן איינגעמויערט און פאַרמאַרכעוועט אין די פאָלקס־געהירן, אין די מאַסאָווע יידישע מוחות.

אין דער פּאָעמע „אַל תדין” רייכערן זיך די דורותדיקע ענטפערס און די פאָלקישע פּשטן אין די געהירן פון אַ יחיד, זיי קרויזן זיך אינעם דענקען פון אַן איינציק אויסדערוויילטן ייד, אַ פּאָעט; זיי זענען אַזוינע

פּאָלקסקנויטן וואָס ווילן און האָבן אויך דעם גרויסן כוח אויפצוקאָפּטשען, מיט קאָפּ־גבורה, ליכטיקע ענטפערס. דער פּראָצעס איז אַ נגישותדיקע זינלעכע פּאַרצווייפלטקייט וואָס דער פּאָעט טוט אַזוי ייִדיש־מלוכהדיק געוועלטיקן אין זיין טראַכטן אין־זיך און אינעם ז י ך פון זיין אָפּשטאַם. אַלץ ליגט ביי אים אויף דער מאַפּע ווי אויף זיין אינטימער דלאָניע; מחמת די מאוימדיקע וואָר שטייט פאַר אים הויל־און־בלויז ווי ער קען שפּיגל פון לעבן און שווימט אין אים אַריין און ווערט פאַרלוירן אין זיין גלאָזיקער מידבר אַריין.

ביז ער ווערט פאַרוואַנדלט אַליין אין אַ רויכן־שפּראַך.

כ׳ווייס ניט צי דיכטער זענען טאַקע ווי סטראַטעגיקער געניגט אויסצורעכענען געניי ווו אַוועקצושטעלן אַ ליד נאָך אַ ליד, ביים צוזאַמענשטעלן אַ בוך? ס׳דאַרף גראָד אַ געוויס ליד שטיין אָט־דאָ־אָ, ווייל ערגעץ אַנדערש וועט עס זיך פאַרלירן און וועט חלילה ניט האָבן דעם נייטיקן עפעקט. נאָר ביי גלאַטשטיינען איז דאָס קליינע ליד „רויך" נאָך דער פּאָעמע „ניט די מתים לויבן גאָט", אַוועקגעשטעלט פאַר דער פּאָעמע „אַל תדין". אַזוי סדורדיק פּאַסיק אַריינגעדאַוונט ווי אַ תפילה פון שחרית איז פאַר אַ תפילה פון מוסף און אַנדערש קען עס שוין ניט זיין:

„דורכן קרעמאַטאָריע-קוימען,
קרויזט אַרויף אַ ייִד צום עתיק יומין.
און ווי נאָר דער רויך פאַרשווינדט,
קנוילן אַרויף זיין ווייב און קינד.

און אויבן אין די הימלישע הויכן,
וויינען, בענקען הייליקע רויכן.
גאָט, דאָרט ווו דו ביסט דאָ,
דאָרטן זענען מיר אַלע אויך ניטאָ".

אַזוי צעווייטיקט האָט מיך אַמאָל פראַנץ ווערפלס בוך „פערציק טעג אויפן מוסאַדאַ". נאָר דאָ פאַרשווענקט מיך יידישער ווייטיק...

אָ, גורל, פאָלקס־גורל, וואָס בלייבט שוין דעם יחיד צו זאָגן אַז דער קאָלעקטיוו איז דאָרטן און דאָ ניטאָ? אָבער אַזוי ווי דער פּאָעט איז דאָך אַ יחיד פון די יחידי סגולה, זאָגט ער זיין אייגענעם זאָג:

„מיר זענען קיינמאָל ניט געווען אין קיין אמתדיקן זיין".

דער יידישער קאָלעקטיוו, ווי דער יידישער יחיד, איז ניט מער (ווי ס'איז ביז איצט באַוויזן געוואָרן), „אַ צערונענע אילוזיע פון אַ לעגענדאַרישער העלדן־סטאַטיסטיק", אַזוי פייניקט זיך דער אויסדערוויילטער יחיד ווען ער בלייבט מיט זיך אַליין און קוקט שטודירנדיק די מאַפּע פון דער יידישער וואָר, ער זוכט דעם יידישן אמת אינעם וועלטלעכן אמת און ער ענטפערט זיך:

„איך, דער פאַרברענטער אמת,
בין די מיסטיק פון דיין פאָלק".

עס וועקט זיך אין אים אַ שטים וואָס שרייט איבער זיין געביין אַריבער, און ביים סאַמע סוף פון שליסן דעם ערשטן טייל „אַ געזאַנג וועל איך זינגען", פאַלט ער אַראָפּ צום כריפ פון אַ צעשפּאָלטענער כלי; ער פאַרלירט דאָס זינגעוודיקע קול און ער טוט שוין כמעט ווי אַן אַלטער חזן אַריינזאָגן בלויז צו זיך אין באָרד אַריין:

„הער אויף מיט דיינע אויסגעחשבונטע פאַרדאַכטן,
ס'רעדט צו דיר דיין זעקסמיליאָניקער,
העלדישער, נאַציאָנאַלער פחדן".

און אָט אַזוי פאַלט ער אַראָפּ מיט אַן אמתדיקן טעלעבענד, אַז ער פאַר־זינגט זיך שוין מיט אַן אויסגעדראָשן קופּלעטל, וואָס פּאַסט פאַרן פאַרפּאַס פון אַ בדחנישן שטייגער:

„אונדזערע שמחות זענען תעניתים,
און אונדזערע שולן דאַווענען מתים".

נאָר, גאָט! שטרויכל מיר ניט קעגן דיין שר הנגינה, ווייל ס'איז דאָך מעגלעך אַז נאָך אַזוי פיל זאַגנדיקע תפילות און זמירות איז ער פאַרחלשט געוואָרן און ס'האָט זיך צום עמוד צוגעכאַפּט דאָס קול פון אַ מת — אַ פּאַרצייטיקער משורר האָט זיך אויפגעוועקט מיט זיין אַלטן געזאַנג און פאַר אונדז געטאָן לאָזן הערן עפּעס פון אַמאָל. און גלאַטשטיין האָט אים שוין געלאָזט דערענדיקן דווקא אין אונדזער צייטלעכקייט, אויפן אַלטן ווייַנענדיקן שטייגער פון אַמאָלצייטיקייט וואָס נאָך אַלעמען איז עס דאָך איצטיק־וואָר. און לכן, אַזוי ווי גלאַטשטיינס האַרץ איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון אָט־דעם אַלעם, אַזוי אַז ניט סע קען און ניט סע וויל פון זיך נאָכמער אַרויפּ־שלאָגן אַלטע קוואַלן מיט טרערן, איז אים טאַקע סיי ווי סיי אַלץ איינס ווי אַזוי דער ע׳לנ ו וועט זיך ענדיקן. בפרט אַז איצט איז אים שוין גאָר קיין געזאַנג ניט ניחא...

דעריבער איז די לעצטע תפילה פון זיין ערשטער אָפּטייל — עול.

„טאָ וואָס־זשע איז אים דאָ די נפקא מינה?
און ס'איז שוין קיינעם ניט קיין אונטערשייד".

בפרט ווען ס'איז פאַר דער צווייטער טייל: אַ נאַכט פון ירידה.

די פּאָעמע בראַצלאַוו, איז די לענגסטע אין דער צווייטער אָפּטיילונג. ס'איז אין איר פאַראַן אַ שפּאַר ביסל פון גרויסע פאַרניינען אָדער בעסער געזאָגט, פון צאַמען דעם גרויסן א י ך אין ז י ך, ס'איז אָט־די סאָרט מוסרשאַפט וואָס לייגט דעם אייגענעם איך אַרויף אויף דער וואָגשאָל פון זעלבסטקריטיק. און גלאַטשטיין ראַנגלט זיך שוין ניט דאָס ערשטע מאָל מיט אַזאַ (כ'וויל ניט זאָגן טעמע) נאָר דווקא מידה. זיך אַליין מוסרן איז ביי יידן זייער אַ גרויסע מדרגה און ניט יעדן ייד איז באַשערט צו

דערגרייכן אָט דעם שטאַפּל. ס׳איז אַ פּרומער מאָטיוו און אַ פּאָעט איז דאָך דער אמתער חסיד, דער עכטער פּראָפונדניק.

גלאַטשטיין וויל דערשטיקן אין זיך דעם גאַווהניק וואָס לויערט אין אים פּונקט ווי אין יעדערן פון אונדז.

אויף דעם דאָזיקן מאָטיוו־לייטער וויל זיך גלאַטשטיין ניט איינמאָל אַרויפקלעטערן און פון דאָרטן אַליין זען אין־זיך־אַריין, און משמעות אין דער גאַנצער וועלט אַריין — זיך־אַריינזען.

פון אַלע זיינע בראַצלאַווער מאָטיוון, איז אָט דער בראַצלאַווער, אין אַ נאַכט פון ירידה, דער דערגרייכסטער און זיין נאָענטסטער צו זיין זיך־איך־שוועל. אויך אין זיין יאָסל לאָקש האָט ער אָנגעהויכט מיט אָט־די־אָ עניוותדיקע געדאַנקען פון דער זעלבסטקריטיק. דאָס ליד נומער 3 פון דער איצטיקער בראַצלאַווער פּאָעמע איז טאָקע אַ מין איבערחזרונג פון אַ פּאָר פּסוקים פונעם „כעלעמער נאַר״, וואָס טאַדלט זיך אויך מיט נעמ־לעכע מוסר־גאָפּעלעך. דאָס באַווייזט אַז גלאַטשטיינען לאָזט אָט דער געדאַנק אַפּנים ניט צו רו, און ער שטייט פּאַר דעם דאָזיקן מאָטיוו ווי פּאַר אַ וואַנט. ער, ווי לייוויק, פירן גרויסע מלחמות מיט זייער איך און רק עס דאַכט זיך זיי נאָר אויס אַז דער יצר־הרעדיקער און גאַווהדיקער גוף איז דער אבן־נגף פּאַר וועמען די מענטשלעכע פּשטות ווערט געניזיקט און זיי (לייוויק און גלאַטשטיין) ווערן באַהערשט פון אַ מין פרומער איינ־בילדעניש, אַז ווען ניט די מאָמענטן פון גאווה וואָלטן זיי נאָכמער דער־גרייכט, נאָכמער פון דער שעפערישקייט אַרויסגעצויגן לויטערקייט.

און די שעפערישקייט ליגט דאָך טיף אינעם גוף פאַרבאָרגן, אין זיין זיך!

דאַרף מען זיך משמעות אַ פייניק טאָן.

טוט עס לייוויק אויף דעם נזירותדיקן יידישן אופן: ער שלאָגט זיך מלקות מיטן קאַנטשיק פונעם פּאָעטישן געוויסנמאָטער אין טרעב־לינקע בין איך ניט געווען. דאָס איז לייוויקס גרעסטער גע־וויסנס־בזיון, ווי איינער פון די יחידי־סגולה.

און גלאַטשטיין?

ער רעדט צו זיך אמתע מוסר־רייד נאָר אַלץ לשם דיכטערישן באַלאַנס, ער מושטירט דעם זינדיקן גוף מחמת ס'איז אים ניט געגוג דער שווילטאָג. די „וואַנט" רוקט זיך אָפּ אויף עטלעכע מייל און ער איז דאָ בייגעקומען זיין איך אינעם לעצטן פּרווו פון זיין בראַצלאַווער מאָטיוו, דאָ איז פאַראַן אַ מטמון מיט חכמה, און ווייטע און נאָענטע און זייטיקע און קרייצנדיקע זינגזאָגנדיקע גראַמען וואָס בייטשן אַרום די וואָלקנדיקע עצבות זיינע, ווי ווייטע בליצן נאָך אַ שלאַקסרעגן; עס ווערט אים אַ ביסעלע אויפגעלויכטן די נאַכט אַרום זיין איך, און ער שלאָגט, ווי משה דעם שטיין, די פינצטערקייט פון זיך אַרויס:

„איכעלע, וויש זיך אָפּ דאָס נעזעלע,
זיי ניט פאַריסן ביי זיכעלע".

איר זייט אַ מבין אויף די געגראַמטע פערזן? ווי אַ שטעקן מיט צוויי עקן. און אויב ס'איז אַ געזעץ אַז אַ שטעקן קען קיין דריי עקן ניט האָבן, באַווייזט גלאַטשטיין ווי אַזוי עס גראַמען זיך ביי אים שורות אין דריי עקן... ער באַשאַפט עס אַזוי מאַגיש, אָן האַרעוואַניע, אַז אַפילו דעם מאַעסטראָ לעיעלעס איז עס אַ חידוש, און ער טוט י. ג. טשאַלענדזשן אַז ער זאָל זיך גאָר פאַרמעסטן צו אויפבויען אַ סאָנעטן־קראַנץ; ער, לעיעלעס, וואָלט עס זיך געוווּנטשן צו דערלעבן זוכה זיין צו זען פון גלאַטשטיינען.

נאָר י. ג. וועט זיך ניט לאָזן אַריינכאַפּן אין פאַסטקע, ער איז צו קלוג צו גיין אויף אַ געוועט־געבוי, ניט אויף אַ לעיעליסטישער און ניט — סטעכאַנאָוויטשער... ס'איז אמת אַז ער מייסטרעוועט ניט מיט אַזאַ טעבגייסטער כוונה דעם געוויגענעם פערז ווי דער מעטרישער לעיעלעס, ער האָט כמעט גאָרניט פון דעם מין געשלידער; ער וויל גאָר ניט זיין אָט דער באַרופענער. אָבער דערפאַר, ווי דער אינטעלעקטועלער טראַכטמייסטער, האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט. ער איז דער קינעטישער וואָרטקינסטלער סיי אין פערז און סיי אין פּראָזע — דער יידיש־טראַכטער און דער יידיש־זינגער.

פונדעסטוועגן האָט ער גאָר גרויסע טענות צו זיך, גיכער ווי די קריטיק. פאַרקערט, די קריטיק וועט שוין ביי אים איצט דווקא פאַרזען און פאַרשווייגן זיינע שוואַכקייטן און חסרונות, אָבער ניט ער: ער אַליין שינדט פון זיך די הויט, רייסט פון זיך אַ פּאָלע — לייטערט זיך אַלץ מער־מערער פון חסרונות:

„ס'פרעסט מיך אויף אַ פּאַרדראָס,
ווייל איך האָב געגלויבט אין שטומען אות,
כ'האָב מצרף געווען וואָרט מיט קלאַנג,
און געמיינט אַז ס'איז געזאַנג,
געריסן פון זיך פּאָס נאָך פּאָס,
און געמיינט ס'איז דיין פאַרלאַנג.
געשריגן צו דיר: גיב!"

נאָר איצט אין נאַכטיקער שעה פון ירידה, און ס'איז אים נאָך צען מאָל ערגער, ווייל זי פאַלט זיך צוזאַמען מיט דער נאַכטיקער שעה פון וועלט־ירידה, וויל ער גאָר צוריקגיין צום אָנהייב, צו בראשית:

„ניין, כ'וויל היינט זיין לייב,
כ'וויל דערהערן דאָס קול פון ליים.
כ'וויל צוריק לערנען אַלף־בית און טראָף
און כאַפּן צוריק דעם קרעכץ פון באַשאָף".

ווי ווייל ס'איז צו אים באַוווסט — באַשאַף; ער פאַרגעסט אַפילו ניט דעם קרעכץ וואָס סע קומט מיט מיט אים און דאָך איז ער קאַפּאַבל צו גיין צוריק צום אָנהייב, אַבי נאָך אַ מאָל אויפצוכאַפּן דעם קרעכץ פון באַשאַף און זיך מתיחד זיין מיטן אייביקן באַשעפער וואָס געבערט די וווּנדערלעכע אייביקייט אין וועלכער דער בראַצלאַווער וויל בלויז זיין אין איר:

„אַ פּראָסטער, זמאָסטער מענטש".

וואָס מיר זאָלן ניט זיין פון באַרוף אויס, דאַרפן מיר אָבער פריער פון אַלץ פאַר פריער זיין — מענטש.

„אַניט וועט שטענדיק וואַלדיקן די נאַכט".

און ניט בלויז פאַרן יחיד — פאַר דער גאָרער וועלט וועט שטענדיק וואַלדיקן די נאַכט, פאַר די אַלע וואָס לעבן אין איר.

אין זיינע נאַכט־לידער ווערט פאַר אונדז מגלה אַ נסתרות וואָס פאַר־כאַפּט דעם יידישן אָטעם און עס ראַטשען זיך אויס די אויגן ווי פאַר אַ לויפנדיקער פילמע וואָס טראָגט אויף זיך קעגן אונדז די שוידערלעכסטע בילדער:

„פרעמדע אויגן זעען ניט,
ווי אין מיין קליינעם חדר עפנט זיך אַ טיר,
און צווישן קברים הייבט זיך אָן מיין נאַכטיק שפּאַציר".

די וואַנט פון ר ו און ד ע ר פ אָ ל ג ווערט אַזוי גרינג צעשמעטערט און ער, דער פּאָעט, דער יחוס עצמו, זיצט וויז־אַווי אונדזער יידישן אומקום, ער זיצט נעבן דעם וויינענדיקסטן נביא פונעם עלטסטן חורבן אָן, וואָס סע איז שוין געוואָרן נאַציאָנאַלע מעשה, דער קוואַל פון פאָלקסלעגענדעס — קידוש־השמיקער עפּאָס.

און ווי ווייל איז צו אונדז וואָס גלאַטשטיין מאָלט ניט דעם קאָשמאַר פונעם יידישן פאַנאַנדערפאַל בלויז, כאָטש ער גייט דורך דעם גאַנצן יסורים־ווירוואַר:

„אבלים, יסורים־אַרמייער.
מיר גייען, מיר גייען —
טרויער־מאַקאַבייער.
מיר גייען איבער דער וועלט בפרהסיא,
מיר פירן אונדזער גרויסע לוויה־פּראָצעסיע".

בפרהסיא און פּראָצעסיע איז דאָ ניט בלויז דער כוח פון אַ נייעם גראַם דווקא; ניין! ס'איז דער כוח פון דער אַלטער יידישער מאָראַלישער בושה: טרייפעס טאָר אַ ייד נישט עסן בפרהסיא! און הרגעט איר אונדז אויס הפקרדיק און — בפרהסיא! מאַכן מיר אויך דעריבער אונדזער לוויה־פּראָצעסיע — בפרהסיא!

מיר שלאָגן זיי מיט אונדזער עטיק אָן עטישן געשלעג!

ווילן די גוים ניט ליידן! זיי האַלטן דאָך אויך עפּעס פון די צען געבאָט מיטן לא תרצח אין דער מיט...

יאָ.

אין דער סאַמע מיט פון זייער שטענדיקן הערא‌ָישן נצח־המלחמה!
און מיר פייניקן זיי נעבעך מיט זייער באַק־פּאַר־באַק געפּילן.
מיר האָבן איצט צייט; די גאַנצע צייט פון דער אייביקייט;

„אָבער לוויות ציען זיך געלאַסן.
מיר גייען פּאַמעלעך און פאַרוואָגלען די גאַסן".

און טאַקע, פאַרוואָס טוען מיר עס אַזוי „אַכזריותדיק" צו די מילאָסערדנע גוים נעבעך... איז עס דערפאַר ווייל מיר זענען יידן:

„מיר זענען די געדענקערס,
מיר קומען דערמאָנען,
מיר פירן, מיר פירן מיליאָנען.
צו דער לעצטער לוויה איז נאָך ווייט.
מיר האָבן צייט, מיר האָבן צייט".

מיר, די מנחם מענדלס, די שטענדיקע אַרומשמייערס, די גלות לויפנדיקע אַרומיאָגערס פון איבערן גאַנצן קיילעך, בלייבן אין די לוויות אונדזערע אַלייניק און די גאַנצע צייט איז אונדז דאָן ווייניק אויף צו באַווייזן אונדזער שטענדיקן יידישן אומקום:

„מיר האָבן ניט קיין געהיימען ריטואַל".

אַזוי שטעכט גלאַטשטיין מיט זיין אַבילותדיקער פּען די שונאים אין די אויגן אַריין, די אומברענגערס און פּאַרטיליקערס פון אונדזער יידישן געביין:

„אויב עמעץ וועט פרעגן,
זאָג, דערצייל אים:
מיר זענען אַ סעקטע, אַ סעקטע אבלים.
מיר מוזן אָפּגעבן כבוד דעם גאַנצן טויט,
ביז דאָס לעבן אַליין וועט ווערן דערהויבן".

און כאָטש גלאַטשטיין ווייסט געוויס פונעם יידישן שפרוך: אַז אויף יעדער צדיק זענען דאָ טויזנטער רשעים און אויף יעדן תלמיד־חכם — טויזנטער עם הארצים, פונדעסטוועגן גלייבט ער נאָך אַלץ אינעם געוויסן פון די טויזנטער וואָס שטייען פון ד ע ר ז י י ט צדק און פון ד ע ר ז י י ט — חכמה, און ער זינגט צו דער גאָרער וועלט אונדזער אַני מאַמין בביאת המשיח!

„מיר גלויבן,
ס'מוז אויסגעיאָמערט ווערן
דער לעצטער געקלאָג,
און דעמאָלט וועט ערשט קומען נאַכט,
און ס'וועט קומען טאָג —
דער ערשטער טאָג".

אָט אַזוי־אָ שטראַלט אַרויס פון זיין ירידה־נאַכט גלאַטשטיין, כדי צו באַגעגענען די שטראַלן פון דעם אויסגעחלומטן ע ר ש ט ן ט אָ ג, ער גייט צוזאַמען מיט זיינע שטראַלנדיקע יידן אויף דער זיכערדיקער בריק — אונדזער שטראַלנדיק יידיש לשון און לשון־גלאַטשטיין שטראַלנדיק.

III

די מערסטע דיכטער אונדזערע זענען אוניווערסאַל. נאָר אַ סך פאַר־בלייבן אין זייער אוניווערסאַלקייט ניט־יידישדיק; זיי קומען ניט־יידישדיק צוריק. אַנדערש איז עס מיט י. ג. ער נעמט דעם גאַנצן אוניווערסאַליזם און טוט אים אַ דריי איבער אויף דער יידישער זייט; ער נייט אים אַריין אַ יידישע פאַלע. ער פאַרשמעלצט די אוניווערסאַלקייט אין זיין יידישקייט און ניט ווי אַנדערע — זייער יידישקייט אין דעם אוניווערסאַלן. ריגט עס אויס ביי זיי און עס ווערט אַ טוכלע איי.

יענע פאַרלירן און ער געווינט צוויי מאָל.
קינסטלעריש און נאַציאָנאַל.

און זיין מזל־ברכה איז נאָר דערפאַר וואָס ער האַלט אין איין אויפאַקערן און אויפפלאַקערן דאָס יידישע וואָרט און פאָרט עס מיט פאַרשיידענע יונגשאַפטיקע און אייגנשאַפטיקע ווערטער וואָס בליען ביי אים אויף פון זיין אייגענעם פאַרזיי; ער באַשאַפט כלערליי רעדנסאַרטן און דיאַלעקט־קאָמבינאַציעס ביז עס געלינגט אים סע זאָל אַרויסוואַקסן די אידיאָמאַטיש־יידישע שפּראַך־פירות וואָס פאַרשמעקן מיט זייערע ריחות די פריערדיקע און זייער טעם איז דערקוויקנדיקער ווי אָט דער פון דער ביז איצטיקער — דער כלאַם פון יידישן וואָרטאַל לאָזט זיך גערן כראָמשקען אונטער די ציין פון זיין פען.

זיין שאַפן ווערט פעטיק און זעטיק און מאַגנעטיק מיט יעדן ליד זיינעם, מיט יעדן אָפּשריפט זיינעם.

נאָך איינער, א. לוצקי, איז אַ מזל ברכהניק אין דעם פּרט וואָס גילט. און אָפּט טראַכט זיך מיר, פאַרוואָס האָט דער גורל אונדז אָפּגעטאָן אָט דעם פּאַסקודנעם קניפּל פון ניט זיין אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך בנוגע אונדזער קולטור־ווירטשאַפט. איך שטעל זיך פאָר ניט איינמאָל אָט אַזאַ חלום (אַ זאַך וואָס קען זיין וואָר דאַרף אַ יידישער פּאָעט פון דעם חלומען) אַז... די יידישע מלוכה האָט סובסידירט אַ גרויסע סומע צו אַ געוויסער

קאַטעדרע פון אַ יידישן אוניווערזיטעט, אַז מ׳זאָל צוזאַמענשטעלן און באַ־שאַפן אַ קאָמפּלעטן יידישן ווערטערבוך און צו די אַלע לינגוויסטן, שפּראַ־כיסטן, וואָרטאַליסטן, האָט מען נאָך צוגעזעצט גלאַטשטיינען און לוצקין.

אַוודאי זע איך אָט דעם ווערטערבוך (ווען נאָר איך נעם דעם „האַרקאַווי" אין האַנט אַריין) און ער ליגט אומזעעוודיק אינעם דיקציאָנער־פאָרמאַט אויף מיין שרייבטיש און איך שמייכל; איך עפן אים אויף און בלעטער אים פיל מאָל אין טאָג; נישטער אין אים און באַוועג זיך אין אים וויגנדיק אויפן גאַנצן וואָרטאַליזם, וואָרט־אוצר, ווי אויף אַ פעלד מיט וואַקסנדיקן האָפּן. איך פיל אָן פעסער מיט זיי און זיי צעוירן זיך און גייען אויף און אַריבער; איך צאַפּ, צאַפּ פון מיינע פעסער; איך פיל־אָן מיליאָנען יידישע טינטערלעך; איך ווער דער מאַגנאַט פון מאָטל פייסי דעם חזנס טינט... דערצו בין איך נאָך ביים פאַך אַן איינבינדער, גיט מיין פאַנטאַזיע אַ צעפּלאַטער און עס קומט פון איר אַרויס אַ פּלאַנטאַציע וואָס באַשאַפט מיליאָנען יידישע ווערטער־ביכער פאַר כלערליי טיפּן שולן, אַקאַדעמישע אויסגאַבעס, אַ פאָלקס־אויסגאַבע און אַ... אינזיכיסטישע...

דערווײַלע מאָלן זיך נאָר די מילן ביי אונדז.

ס׳וועט קומען די צייט און מ׳וועט אָנשיטן פולע זעק און בעקערס וועלן באַקן ברויט, און דאָס יידישע פאָלק וועט עס עסן אויף ביידע באַקן, דאָס רעדנדיקע ברויט, און זייערע באַקן וועלן ביי זיי ווערן רויט — און ניט פון בושה זרגונית — פונעם עסן טאָג־טעגלעך דעם זעטיקן יידישן ב ר ו י ט ו י נ י ס, און ניט חס ושלום לא עליכמדיק, נאָר — לחמדיק!

אָט אַזוי וועט גיין דאָס יידישע פאָלקסלידל, ווי ס׳איז מיט אונדז געגאַנגען, פאַר דורות לאַנג מיטגעגאַנגען: לחם — איז ברויט — — —

„אָ, גאָט פון מיין אומה און לשון!
פאַרוואָס קענען מיר ניט זיין קיין גאַנץ פאָלק?
מיר זענען דאָך רייכער פון אַ סך אַנדערע פעלקער!

מיר ריידן דאָך שוין פון הונדערטער יאָרן צוויי הייליקע
שפּראַכן אינאיינעם...
מיר ווילן נאָך לאַנג עסן אונדזער לחם־הפּנים — יידיש־חידוש".

איבער מיין טרויעריקן דאַך, איז גלאַטשטיינס דריטער אָפּטייל ווו ער טוט זיך אַ צעשיף אַזוי יידישדיק קינסטלעריש מיט וואָרט און געדאַנק און פּאָעטישער טענה וואָס איז אַ פילוואָגיק פיינע, און איז דעם פאָלק ישראלס ווי זיינע, לויט אַלע ירושהדיקע סימנים די יידישדיקע. סיי דער אופן פון מצרף זיין די קונסט פון וואָרט מיט דער קונסט פון יידישקייט־טראַכטן און־קלערן און סיי אין דער פּאָעטישער אָרגאַניסטיק, דערצו נאָך איז ער דער גרויסער מאַדים אויף צו געבן ספּעציפיש יידיש־שרייבערישן באַשאַף וואָס סע איז לגמרי גאָלע און ריינע יידישע אויפפאַסונג. קיין שום פּאָעט פאַרמאָגט ניט אָט די מעלה פון זיך קענען אַריינאָטשען אינעם יידישן כריין אַריין פונעם גאַליקן לעבן, ווי גלאַטשטיין. בעת שלום עליכם האָט פאַרמאָגט דעם גאָלגאַן־הומאָר און דעם לודיקרעזן גע־לעכטער, פאַרמאָגט גלאַטשטיין דעם צעפּאַטלטן גראַם־געלעכטער און דעם פלעפּער־פלאַפּלדיקן זשעסט פון אַריינזאָגן פּיצינקע געדאַנק־בריליאַנטעלעך אַרום דעם גרויסן בריליאַנטענעם פאָלקס־געדאַנק, פאָלקס־באַשאַף און פאָלקס־השגה.

און ער קען זיך אַריינגעדאַנקעווען אין דער יידישער געדאַנקענוועלט און בלייבן דאָרט דער געוועלטיקער און דער גאַנצער ייד וואָס אים פעלט גאָרניט.

גלאַטשטיין זאָגט ערגעץ:

„דאָס איז די אַלכעמיע פון געצאַמטער שרעק".

און איך וועל צוגעבן אַז גלאַטשטיין איז די אַלכעמיע פון דעם צימצומדיקן געצאַמטן זאָג. מיר גייט דאָ קנאַפּ אָן זיינע צעכראַסטעטע פּובליציסטישע פאָלעס וואָס האַלטן אונטער זיין צימצומדיקן קינסטלעריש־

קלוגן זאָג. ווייל אַ יידישער דיכטער מעסט פריער דאָס וואָרט און ניט די שורה, די מעטריק, ווי די גויישע דיכטער טוען. דער אָמר, אָמר, אָמר רבי אלעזר! רבי עקיבא! רבי חנניה איז אונדז וויכטיק. דאָס וואָרט איז באַגרענעצט אין זיין אויסמעסט; דער זאָג — איז אומענדלעך — אין־סופיק.

מ׳דאַרף בלויז אַ לייען טאָן זיינע פיר לידער וויין פון לידער־ביכער וואָס איך האָב געלייענט מיט יאָרן צוריק און דאָס דערזען. דאָ קען מען איבער יעדער פערז אויפבויען טורעמלעך מיט געדאַנקען ווייל עס שפּילן דאָ וועקזייגערס און שפּילקעסטלעך מיט חריפותדיקע שפּרונזשינקעלעך וואָס ציען פאַרשיידענע רעדעלעך און אַזוינע האַטשיקלעך מיט רערעלעך וואָס זענען אַזוי קונציק קאָמבינירט און געמייסטערט מיט חכמהדיקע פּאַרטלען, אַז זיי קענען אי אויסשלאָגן די יידישע שעה און אי אָנווייזן דאָס יידישע וועטער... בכלל זעט מען דאָרט אַלע וועלטס־ווונדער!

אַ ייד זעט יעדער זאַך דורך זיינע יידישע אויגן.

גלאַטשטיין, לאָזט דורכגיין יעדע זאַך דורך זיין יידישן געדאַנק און זי ווערט שוין געיידישט.

פּונקט אַזוי איז ער אויך אין זיין פּראָזע. ביי אים טיילט זיך קנאַפּ אָפּ דער פּאָעטישער, דער שעפערישער געמיט סיי ביים שרייבן פּראָזע, סיי פּאָעזיע.

„ער איז פריער פּאַר אַלץ דער חוזה.
דאָס יידישע אויג — די יידישע לענז״.

ער באַזיצט אַזוינע געדאַנקען־פורעמלעך וואָס ער קען מיט זיי מאַכן וואָס ער וויל אין זיין פורעמען: ליריק, נאָוועליסטיק, ראָמאַנטיק, פּובּ־ליציסטיק, זשורנאַליסטיק, פעליעטאָניסטיק — די יידישע שרייביסטיק איז אַ דאַנק אים אין אונדזער צייט אַ ביסל פאַרזיסטיקט און באַוועגט זיך וואָר־טיסטיק געשווינד כדי ניט בלייבן חלילה — לויט ביידע טייטשן — פאַרמיסטיקט.

אוי, ליבער ברודער יעקב, ס׳איז גוט און ווויל צו האָבן אַ בראַצ־לאַווער, ס׳איז אָבער אויך ווויל צו זיין אַ בראַצלאַווערס חסיד.

ס׳איז אַ גרויסע זכיה וואָס יידישע שרייבער קענען נאָך, אין אַט אַזאַ מין ליטעראַרישער ענגשאַפט ווי ביי אונדז איז, צו ריידן אַט אַזוי אינטים איינער צום צווייטן, אַז סע דערמאָנט אַזש אין יענע ביבלישע צייטן ווען גאָט האָט גערעדט צו די אָבות ווי מענטש צו מענטש.

לערנען מיר דאָך פונעם בראַצלאַווער טאַקע:

„מענטש צו מענטש — דער העכסטער שטאַפּל!
און צוגלייך — דער ערשטער".

און טאַקע ווייל איך זע אַזוי פיל מענטשלעכקייט, יידישע מענטש־לעכקייט, האָב איך דעם גרויסן מוט צו האַרעווען אויף דער שרייבערישער זייט פון —

שרייבער צו שרייבער.

און אַט דאָס זאָל מיר — אויך פאַרעכנט ווערן ווי אַן אַרויפפירנ־דיקער שטאַפּל.

און פירן זאָל עס פירן געוויס און אַוודאי — צו תכלית!

איך האָב זיך אַ סך מאָל ניט געקענט באַהערשן און פאַרלאָפן דעם וועג; איך בין ניט געגאַנגען אין מיינע באַמערקונגען אין אַ כסדרדיקן גראַדן לייענען ווי דאָס בוך איז איינגעטיילט. נאָר איך בין געשפּרונגען פון ד ע ם ליד צו אַ צווייט ליד, פון ד ע ר פּאָעמע צו אַ צווייטער און צו אַ דריטער און גאָר צוריקוועגס, צום סאַמע אָנהייב; דאָס איז דערפאַר ווייל די יידישע סליחזשן פון אימפּרעסיעס האָבן ביי מיר אַ שפּאַר געטאָן און ס׳איז געלאָפן איין אָפּגוס אינעם אַנדערן אַז אויך דער עצם תוך פון מיין געדאַנק איז (אַ וועק) אין אַ דיפיוזיע.

איצטער־אָ, נאָך אַ ביסעלע זיך אָפּקילן, איז גרינג זיך אַרויפכאַפּן אויף אַ קילן געדאַנק און אים אויך אַ צעוואַרעם טאָן.

„און אפשר איז ער גאָר אַ הייסער געדאַנק?
אַלנפאַלס, ה י י ם וועט מען אים שוין מאַכן.
אַ יידישער געדאַנק איז אַ גרויסער אַנהייצער".

מיר זעען אָט־דאָ־אָ באַשיינפערלעך ווי יידישע געדאַנקלעכקייט איז וואַס־קולאר:

גלאַטשטיין האָט כמעט אונדזער גאַנצע חורבן־דראַמע אַרומגעכאַפּט און איר פאַרפּיקסירט דורך זיין נשמהדיקער טעלעוויזיע פון זיין געדאַנק; דורך אים זענען לחלוטין דורכגעגאַנגען אַלע געדאַנקלעכע גרוילן וואָס אַ ייד האָט געקענט אין זיין מוח לאָזן געוועלטיקן בעת זיין פאַרלאָרנקייט. גלאַטשטיין האָט באַוויזן ווי אַזוי ער גופא איז געלעגן אויף זיין אייגענער מאַטער־באַנק און געטראַכט די אימהדיקסטע און יסורימדיקסטע טראַכטעכצן; ער האָט זיי אַריינגעטראַכט אין־זיך־אַריין און נאָך דעם זיי שטאַרק אַריינגעטראַכטעוועט אין יידישן לייב אַריין, אין אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור אַריין וואָס איז גאַלע מאַרך, געהירן; ער האָט זיי ווי מיט דראַטוועס פאַרקרעמפּעוועט עד סוף כל הדורות אין אַ פערזנדיקן יידיש וואָס וועט פונקט אַזוי טייער געהאַלטן ווערן ווי דער מחזור.

אין „כ'דאַוון אַ יידיש בלאַט אין סאַבוויי", איז פאַרפּיקסירט דער נייער גלות־אַמעריקע. און י. ג. גיט אונדז די כלי־זין ווי אַזוי אין אַ נויט פאַל זיך אַרויסראַטעווען פון אַ גויס מחשבות וואָס שטעכן דורך אַנטיסעמיטיש דאָס יידישע לייב. ער וויקלט פונאַנדער די שטאַטלעכקייט־רעכט, עטיק, מענטשלעכקייט און געטלעכקייט, זיי ברייען אַרויס ביי אים די אַלטע יידישדיקע גאָט־יחוסדיקייט:

„מיין גאָט פון אַברהם, יצחק ויעקב,
ער איז דער גאָט פון מיין פאָלק.
מיט הייליקן צאָרן קען ער זיך
פלוצטאַלבן געבן אַ צינד אָן.
און פאַרברענען גאַנצע זעקס מיליאָן.

זיין שטראָף אַליין איז גרויסגעטלעך,
אַקעגן אים איז דיין פאַרגעביקער גאָט
ניט מער ווי תרפים".

און ער גיט עס דעם וואָזשנעם חוזק־אָפּ פונעם געזיכערטן גויס מזל וואָס גייט צוזאַמען מיט חוצפּה, אַז סע כאַפּט אַזש אָן, ביים לייענען בלויז, אַ ווייצלדיקער בייזער רחמנות אויפן דאָברע מזל פונעם גויס מערכה... דער ייד איז צען מאָל פיל געשטאַרקטער דורך גלאַטשטיינס פילפולדיקן פאַרחוזקן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן גוי מיט דעם זיכערן פּאַספּאָרט". אונדזער גאַנץ יידיש־קיומדיקע פאַרצווייפלטע פּראָבלעם גיט ער דערווייל בינו לבינו אַ טו־אויס פאַרן גוי אין די אויגן און עס פאַלט אָן אַ ציטערניש פון דער הוילער יידישער נאַקעטקייט אויף דעם געזונטן גוי, אַז דער פּאָעט אַליין טוט זיך אַ דערשרעק פאַר אָט אַזאַ מין־אַ יידישע טועכץ צום נעבעכ־דיקן רייכן יתומל־גוי און ער שפּרעכט אים אָפּ מיט איינע פון די באַרימטע גלאַטשטיינס סאַטירישע עין־הרעס:

„פּו, פּו, קיין עין־הרע,
זאָלסט מיר האָבן צו זעט,
חזיר און אייער,
באַשירעמט זאָלסטו מיר זיין פון יעדער צרה.
ווייל אויף דיינע ריזיקע פּלייצעס
קענסטו נעבעך ניט פאַרטראָגן קיין שטרויעלע שלעכטס".

און ער רעכנט אים אויס אַ פיינעם צעטל ווי אַזוי ס'זאָל אים זיין גוט און מיט וואָס

„ווייל טאָמער עפּעס —
ווער איך דאָס כפּרה־הינדל".

און ער פאַרזיכערט אים:

„כ׳לייען ניט, ליבער גוי,
דאָס דאַוון איך אַזוי.
כ׳זאָג תפילות, קינות.
אין מיטן דעם טומל, דעם סאָבוויי־האַרמידער,
כ׳דאַוון די ייִדישע נייעסן,
כ׳קלאָג זיי״.

און ווען דער גוי ווערט אָבער אַלץ ניט באַרואיקט, ווערט דער פּאָעט פול מיט אינטעלעקטועלן דינאַמיט, זיין וויכוח מיטן גוי אויג־אויף־אויג איבער אַ ייִדיש בלאַט, האָט אין אים דערוועקט אַן אַטאָמישע קראַפט מיט געדעכטע ראיות, נאָר אין סאַמע מיט פון די פּליסיקע אַרגומענטן, כאַפּט ער זיך, אַז דאָס האַלט ער גאָר אין איין פאָרן קיין — אַמעריקע! די פרייע אַמעריקע! און ער איז נאָך ניט אָנגעקומען צו איר, דער פרייער אַמעריקע!

און עס פאַרטשעפּען זיך געדאַנקען אין געדאַנקען ביי אים ווי הערנער ביי אַ הירש ווען ער לויפט פון יעגערס קויל אין געדיכטן וואַלד אַליין; און די געדאַנקען אַליין זענען ביי אים געוואָרן מיט צווייגן און מיט הערנער און עס שווינדלט זיך ביי אים אַלץ מיט דער שנעלקייט פון דער סאַבוויי:

„דורך די פינצטערע און שווינדלדיקע פענצטער
(פון סאָבוויי מ. ד.)
וואַרפט מען מיר אַריין ברייוו פון טאַטע־מאַמע:
ליבער זון, האָב גאָט אין האַרצן,
ווי לאַנג איז דער שיעור צו פאָרן קיין אַמעריקע?״

דער ווייַ פון זיין אין אַמעריקע און וועלן האָבן די ייִדישע היים אין איר האָט ראַוויטשן דעם וועלט־נע־ונדניק ניט פאַרכאַפּט אין קיין קלעם־פּראָבלעם ווי ער האָט גלאַטשטיינען. ער פאַרפאָלגט אים צוזאַמען מיט אַנדערע געדאַנקען וואָס טוען גלאַטשטיינען פאַרפלאָנטערן אין אַ קל־וחומרדיקן רעטאָרט פון הינטער־און־אויבער געדאַנקען:

„ביסט שוין אַן אַלטער ייד.
אַן אַלטער, אַלטער, אַלטער, אַלטער".

און ער זינגט אויף אַראָפּ דעם ניגון, אַראָפּ:

אַלטער,
אַלטער,
אַלטער.

מסתמא נאָכן טאַקט פון דער סאַבוויי. און עס עגבערן אַ טוץ באַ־פאַלנדיקע געדאַנקען אויף אַ מאָל, ווי בייזע בינען:

„ווי לאַנג איז דער שיעור צו לעבן אויף מן,
אויף וואַכטלען?
דיינע האָר הייבן שוין אָן צו פאַרנאַכטלען".

און ער איז שוין גרייט געווען זיך איבערצודעקן מיט דער באַ־קוועמער פריערדיקער דערינערונג, רייסט זיך נאָך אַ מאָל אַריין און באַ־הערשט זיין מוח און דערלאָזט ניט:

„אַלטער, אַלטער ייד,
פון אונדז דיינע טויטע טאַטע־מאַמע,
יצחק און איטע רחל".

דער ניגון האַלט אים צוגעשמידט און לאָזט אים אַזוי גיך ניט אָפּ, נאָר דויבעט אים אין קאָפּ אַריין, צעשטורעמט אים זיין מוח און זיינע געדאַנקען צעפלייצן זיך אין איין ריכטונג: טאַטע, טויטע, מאַמע, טויטע, אַלטער, אַלטער ייד. עס ווערט אַ שטורעמדיקע יאַזדע און די געפערלעכע נסיעה ציט זיך אָן אַ סוף:

„כ'פאָר אַלץ ווייטער און ווייטער,
כ'מוז ערגעץ געפינען אַ שענערע אַמעריקע,
אַ בעסערע".

ווער ווייס ווי לאַנג עס וואָלט אים אַזוי געטאָסקעט דער ניגון, ווען ניט זיין וואַכע יידישקייט וואָס לאָזט אים קיין מאָל ניט אָפּ:

„איך דאַוון אין סאָבווי אַ יידיש בלאַט
און גיי אויס שמונה־עשרה".

און אָט אַזוי איז עס מיט אַ יידן ווי גלאַטשטיין, תיכּף נאָך שמונה־עשרה פּאַרוואָרפט ער אויף זיך צוריק דעם דיכטערישן עול פון מצרף זיין וואָרט און געדאַנק, און ער נעמט זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל אַריינטראַכטן און אַריינגריבלען אינעם לעבן פון זיין יידישיאַדע — די וועלט אין וועלכער ער לעבט יעדע רגע פון זיין לעבן און ער וועט זיך שוין פון איר פּראָבלעמאַטישקייט ניט אָפּטיילן.

מיין קינדס־קינדס פּאַרגאַנגענהייט, איז דער לעצטער אָפּטייל און אין אים געוועלטיקן די זעלבע פּראָבלעמעס און דילעמעס וואָס ער קען זיך פון זיי ניט אויסשיילן און אַוועקפּליען ווי אַ פרייהייט־ליבנדיק פּאַטעטיש פייגעלע. ס'איז דאָ פאַראַן אַ היפּש ביסל משפּחה־כראָניק און אַ סך יוגנט־זכרונות. טאַטע, מאַמע, זיידע און שוועסטער־ברודער גייען פאַרביי אין דער פּראָצעסיע פון זכרונות און זיי מאַנען, זיי זאָגן עפּעס שווידערלעכס און לערנען מיט אים גרויליקע קאַפּיטלעך — דער עיקר לערנט מיט אים וועלטווייזהייט דער זיידע ענזל; אַליין אַ מין פּאָעטישער קאָנפוזיאָנער מאַרשאַליק וואָס שלייפט דעם שטערן פון זיין אייניקל; און דאָס וויל־קענעוודיקע און ווילפאַרשטייענדיקע אייניקל בלייבט ניט קיין בעל חוב צו קיינעם.

ער צאָלט גרויס אויפמערקזאַם צו אַלעמען און צו יעדן פיצעלע.

און מערקווירדיק ווי די ליבע איז ליב פון דיכטער צו דיכטער, אַז די פּאָעמע סוצקעווער האָט ער אַריינגענומען אין דעם רינג פון זיין משפּחה־קרייז, וואָס דאָס איז איצט ביי גלאַטשטיינען, אין לעצטן סך־הכל, אַ מין געבאָט וואָס ער טוט אונדז נאָר אין איין דערמאָנען אין דער אַלטער יידישער וועלט.

אַ גאַלאַקסיע מיט בילדער און פּלעצער און נעמען און הייליקע איינגעבאַקענע ערטער פון דער אַלטער היים שווימען אַרויף ביי אים אַזוי בולט און געלייטערט ווי אַ צווייטע ביבלישקייט אונדזערע און ער טוט ציטערדיק פרום און מיט דער גרעסטער אַפּגעהיטקייט דערמאָנען און דיכ־טעריש פאַרצייכענען און יידישדיק באַקלאָגן אַלץ, אַלץ וואָס סע האָט נאָר געקענט אַריין אינעם רייסטער פון זיין אלה תולדות פּאָעמע כ׳טו דערמאָנען.

ס׳איז אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע פונעם דיכטער און עס צייכנט־אָן די געאָגראַפיע פון אונדזער הערלעכן יידיש.

ס׳איז אַ מין העלדנמאַרש, באַגלייט מיט טשייקאָווסקיס מאַרש־ניגון פון זיין נאַטקרעקער סוויט. ער ציט זיך און ציט זיך ווי אין אַ מִדבר אַ קאַראַוואַנען־שבט מיט אַלע קלאַפּערלעך פון ספּעציפישער אייגנטימ־לעכקייט סיי פון מטלטלים און סיי פון די נפשות: זויגקינדער און ציקעלעך און בעקעלעך און קעמלען מיטן געקלימפּער פון גלעקלעך וואָס ווייען־אָן אַלטע חומשדיקע בענקשאַפטן. פון יינגלשע חדר־יאָרן — אַ ניגון וואָס נעמט אַלצדינג אַרום און דעקט אַלצדינג איין מיט אַזאַ דינעם זאַפּראַן־שטויב וואָס ווערט דערהויבן ווי שלענגלדיקע קטורותן וואָס רייכערן זיך ביז צו די הייכן פונעם וויטסטן הימלשן בלוי אַריין.

אָט די פּאָעמע האָט אויך די שטימונג און די אַטמאָספערישע גע־מיטלעכקייט וואָס ציט זיך ווי אַ שבת־נאָכמיטיק ווען ווייסע וואָלקנלאַטקע־לעך האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין טיפן בלויען הימל־ים און געבליבן העגגען אויסגעשפּרייט איבער אַ יידיש שטעטעלע אין פּוילן וואָס רוט הינטער דער תמוזדיקער זון דעם פּאָלקישן שבת נאָכן־קוגל־רו ווי גאָט פון ישראל האָט גרונטיק געבאָטן אַמאָל — — אַמאָל — — אַמאָל — —

„עס ציט זיך דער ניגון.
עס וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן דער ניגון.
ער וועט ליגן אייביק אינעם אייגענעם ניגון —

ווייל ער איז דער גאַנצער יידישער ניגון:
שטראַלנדיקע יידן.
און יידיש לשון — שטראַלנדיק".

עס ציט זיך דער ניגון.
נאָר דאָס מאָל ציט אים אונדזער באַלאַדענע איצטקייט אַרונטער.
אַראָפּ־צו.
גלאַטשטיין זאָגט:

„כ'טו דערמאָנען".

און ס'איז שוין טאַקע, ליידער, בלויז צום דערמאָנען...

צום סוף פון בוך גיט ער אין דער כאַראַקטעריסטישער גלאַטשטייני־שער פּראָזע דעם עפּילאָג, וואָס טוט געבן דעם גרויסן פאַרמאַך צו דער תורהדיקער לידער־קונסט וואָס האָט נאָר דעם גליכן צו זיך אין די טראַדיציאָנעלע קינות אָדער אין טיילן פון שטיקער חצות אין מאָדערנעם זין: ס'האָט דעם גליכן צווישן די ווערק פון האָמער, דאַנטע און מילטאָן — דערצו נאָך באַצייכנט עס מיט זיך אַן אַקאַליפּטישע עפּאָכע.

לובלין, מיין הייליקע שטאָט — — —

אָט דער אויסגוס אין לירישער פּראָזע האָט געמוזט קומען. פּונקט ווי ס'איז געקומען דער ריין לירישער אויסגוס אין דער פּאָגראָם־דער־ציילונג פון ל. שאַפּירא.

אין אַזוינע עקסטאַטישע מאָמענטן מוז קומען אַן איבערברוך.

די גאַנצע פאָרם ברעכט צוזאַמען.

ווייל דאָס האַרץ פונעם פּאָעט — ברעכט צוזאַמען.

און מיט אָט דעם קלאַגליד־שטיק ווערט אַלעס געהייליקט, אַלץ וואָס סע איז נאָר געשריבן אין די שטראַלנדיק־באַטרערטע אותיות, און שטעלט

צוזאַמען די נשמהדיקע אויסגוסן פון אַ צעבראָכן האַרץ פון אַ פאָלקס־זינגער וואָס באַקלאָגט זיין אומה אין זיין טרייסטנדיקן אייביקן יידיש־קודש.

ס'איז אַ נאַציאָנאַלע מגילה.

און דורות און דורות וועלן מיטקלאָגן און אַריינקלאָגן אין איר ביז סע וועט זיך צוריק אויפבויען אַ געזונט יידיש פאָלקסלעבן. און אָט דעמאָלט ערשט, ווען די יידישע אומה וועט זיין אָן אויפגעהייטערטע פון איר צער פון צערן, וועט מען ביז גאָר שעפן קינסלערישן תענוג פון גלאַטשטיינס ווערק — פון זייער נאַציאָנאַלן באַדייט און פון זייער נאַציאָנאַלן מהות פאַר דער נאַציאָנאַלער נגינה אין זיי. וואָרעם אין זיי איז פאַרקערפּערט דער גרויסער ניגון פון אַ פאָלק. און כאָטש אין אָט דעם ווערק איז עס דער ניגון פון אַ פאָלקס־חורבן, איז ער אָבער געזונגען ווי מ'איז מתפלל. ס'איז די פולע מאָס פון פּאָעטישער אויסדריקלעכקייט; ס'איז די אויס־שטראַלנדיקע טראַכטקונסט און וואָרטקונסט פון איינעם וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם הערלעך פאַרדינטן נאָמען:

דער ייד פון ליד.

ער איז דער ווירדיקער זון פון די געניטע ווײַנער און פון די פּלייסיקסטע קלאָגער איבער זייער טראַגישן לעבן צווישן אַ שטענדיקן אינטערוואַל פון פאָלקס־חורבן־שוידעראַל.

יעקב גלאַטשטיין איז דער תוכיקסטער פּאָעט פון די:

שטראַלנדיקע יידן און פון זייער יידיש־לשון — שטראַלנדיק.

א בריוו פון יעקב גלאטשטיין

דעם 15טן אָקטאָבער 1942. די דאַטע פונעם בריוו איז לויטן שטעמפּל פונעם קאָנווערט.

מיין ליבער און גוטער מאַטעס: —

כ׳האָב זיך געפריייט מיט אייער בריוועלע. כ׳וויל אייך געבן אַן אומגעבעטענע עצה:

אויב אייער אַרבעט וועגן מיר איז פאַרנעמיק, פאַרוואָס זעט מען ניט מאַכן דערפון אַ באַזונדערן אָפּדרוק און עס אַרויסגעבן אויך אין אַ באַזונדער בראָשור ווי אַ מאָנאָגראַפיע, מיט אַ בילד און אַנדערע „טרי־מינגס". (די געגנדזנפּיסלעך האָב איך צוגעשטעלט צו טרימינגס — מ. ד.)

אַוודאי און אַוודאי וועל איך אָננעמען פאַרויס אַלע אייערע אָפּ־פּרעגעכצן. אַמעריקע איז נאָך אַלץ, דאַנקען גאָט, אַ דעמאָקראַטיע.

וואָס מאַכט עפּעס שוואַרץ (דער פּאָעט שלמה שוואַרץ — מ. ד.)

אייער — מיט אַלץ —

י ע ק ב ג ל אַ ט ש ט י י ן

איך האָב ביי זיך ניט קיין קאָפּיע פון מיין בריוו וואָס איך האָב צו אים געענטפערט, אפשר האָב איך גאָרנישט געענטפערט אויף דעם בריוו, מחמת דערפאַר וואָס ער האָט פאַרענדיקט ביים סוף פסוק: א ו ן אַ נ ד ע ר ע ט ר י מ י נ ג ס, האָב איך זיך מסתמאָ דאָן גוט דערשראָקן — ער קיבעצט מיר... ער נעמט מיך אויף דער העצקע!

אָט אַזוי איז יעקב גלאַטשטיין. ערנסט, ערנסט און מיט אַ מאָל שפּרינגט ער אַריין מיט אַ וואָרט־קאַטאָוועסל און איר טראַכט ביי זיך: אָ, ער מיינט עס ניט אויף קיין אמת, נאָר אים ווילט זיך אַ שפּיל טאָן מיט אייך און אייער ערנסטקייט.

נאָר איצטער־אָ ווען ער איז געוואָרן אַ 65־קער און איך אַ 67־קער זענען די „ציגן אין אונדז געוואָרן אַ סך קליגערער און פיל ערנס־טערער פון יענע ספריטנע „לאָשיקעס", וועלכע גאַלאָפּירן אינעם צייט־משך וואָס שווימט הינטער די פאַרגאַנגענע צוואַנציק יאָר...

אַגב, ניט וועגן אָט דעם עסיי האָט זיך עס געהאַנדלט, נאָר וועגן אַן אַרבעט מיינער וואָס איז אַריין אינעם ערשטן באַנד „ליטעראַרישע זאַמ־לונגען", 1943. שיקאַגע. כ'מיין דאָ דעם עסיי: י אַ ש ־ י ע ק ב, וואָס איך האָב דאַן אָפּגעדרוקט אונטערן פּסעוודאָנים מ ע ם ד אַ ל ע ד.

ביז איצט דערשינענע ביכער פון מאָטעס דייטש:

אליהו הנביא — (היסטאָריש־דראַמאַטישע פּאָעמע) — שיקאַגע, 1927

אינעם לאַנד פון די יענקיס — לידער, שיקאַגע, 1935

צווישן ימען און פלאַמען — לידער, שיקאַגע, 1941

מיט־וועסט מערב — אַנטאָלאָגיע, שיקאַגע, 1933

מאַנדלברויט יידיש — (צווישן פּראָזע און ליד), לאָס־אַנגעלעס, 1952

צום נאָענטסטן שטערן — יידיש, ישראל, 1959

ביכער גרייט צום דרוק:

אין פאָלקישן צוזאַמען (עסייען)

בריוו אין שייכות מיטן גאַנג פון פּאָעזיע

די פּאָפּוגייי און דער טייטש־חומש (דערציילונגען)

וואָלט וויטמאַן (איבערזעצונגען)

גלאַנץ־לעיעלעס — דיכטער פון מאָנונג